בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס כ"ה, פרשת תולדות - ויצא, תשע"ט

# תוכן השיעור


'שמור פתחי פיך'

'עז פנים לגיהנם'

'קץ כל בשר'

'מובחר האמת שבדיבור'

'יקם סערה לדממה'

'תורה שלמדתי באף'

'שכבי עד הבוקר'

'חוט של חסד ביום'

'אל דמי לך'

'כסתה כלימה פני'

'זכרון עלמא דאתי'

'ארז נפל במקומינו'

'שלא יטעה אותו העולם'

'אל תאמין בעצמך'

'רעה תחת טובה'

'ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה'

'מעשיו מרובין מחכמתו'

'ואתן אדם תחתיך'

'ברית כרותה ללשון הרע'

'שלא להרבות מחלוקת בישראל'

'לחם עוני'

'בני אל תלך בדרך אתם'

'שומעין חרפתן ואינן משיבין'

'אז איר שווייגט - שוויגט די וועלט'

'חסידים הראשונים שוהין שעה אחת'

'השלך על ה' יהבך'


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 25


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**


**Info@Breslevglobal.com** מופץ ע"י ברסלב גלובל

# פרשת בשלח, תשל"ד

## - ובתוכו שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ח -

(טייפ מס' 13#)

## 'שמור פתחי פיך'

(חסר ההתחלה, וכנראה שממשיך מתוך ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ח, אות ב'; וְרוּחַ סְעָרָה הַזֶּה, הוּא מְקַטְרֵג הַגָּדוֹל, שֶׁמִּמֶּנּוּ בָּאִים כָּל הַקִּטְרוּגִים וְהַנִּסְיוֹנוֹת, וְהוּא 'אַחַר הַדְּבָרִים', שֶׁהוּא יוֹנֵק מֵהַדִּבּוּר, כְּשֶׁמּוֹצֵא פֶּתַח לִינֹק, הַיְנוּ "לַפֶּתַח חַטָּאת" -) ס'שטייט "**לפתח חטאת רובץ**", זאגט דער רבי; "רובץ" - איז דער טייטש א לשון פון 'ליגן', "חטאת" - מיינט מען דעם 'יצר הרע', און ער ליגט ביי דעם "פתחי פיך" (על שם הכתוב "שמור פתחי פיך").[א]

אמאל - א 'הונט', ער לייגט זיך אוועק ביי דעם טיר, מען מיינט אז דער הונט שלאפט, און דער בעל הבית, אז ער היט זיך נישט, קען ער געבן א גיי ארויס פון די שטוב, און לאזט אפן די טיר, גיבט ער (- דער הונט) א לויף אריין אין שטוב אריין, און כאפט דארטן, טוהט דארטן, כאפט דארטן צו!

ער ליגט ביי דעם טיר - זאגט דער פסוק; "לפתח חטאת"! דער 'חטאת' - דער 'יצר הרע' ליגט ביים "פתחי פיך"! דאס איז זיין 'פתח', דארט ליגט ער, און ער זעהט - ער האט נאך צייט אויך, ער וועט זיך דערווארטן מיט א 'שלעכטן דיבור' - וועט ער איהם פאקן!

---

[א] ז"ל שם בליקוטי מוהר"ן תו' ל"ח בהתחלתו; (אות א') כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְפַשְׁפֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת אִם הוּא דָּבוּק בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהַסִּימָן שֶׁל דְּבֵקוּת הוּא תְּפִלִּין כִּי תְּפִלִּין הֵם סִימָן עַל הַדְּבֵקוּת. (אות ב') וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לִבְחִינַת תְּפִלִּין, אֶלָּא שֶׁיַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר וִיתַקְּנֵהוּ ... וּכְשֶׁפּוֹגְמִין הַדִּבּוּר שֶׁהוּא אֲדֹנָי, אָז עַל־יְדֵי הַפְּגָם, נַעֲשֶׂה מֵרוּחַ פִּיו, רוּחַ סְעָרָה ... וְרוּחַ סְעָרָה הַזֶּה, הוּא מְקַטְרֵג הַגָּדוֹל, שֶׁמִּמֶּנּוּ בָּאִים כָּל הַקִּטְרוּגִים וְהַנִּסְיוֹנוֹת. וְהוּא אַחַר הַדְּבָרִים, שֶׁהוּא יוֹנֵק מֵהַדִּבּוּר, כְּשֶׁמּוֹצֵא פֶּתַח לִינֹק, הַיְנוּ "לַפֶּתַח חַטָּאת" (בְּרֵאשִׁית ד'), וּכְתִיב (מִיכָה ז') "שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ" וְכוּ'.

זאגט דער רבי, "שמור פתחי פיך" - היט אפ 'פתחי פיך', דו זאלסט וויסן אז דארטן ליגט ער! מיר ווייסן גארנישט וואס א מענטש - ווי ער איז כסדר אין א סכנה!

מען איז כסדר אין א סכנה - און מען איז כסדר ווייטער אויך אין א גרויסע 'שמחה'! ברוך השם - אז מען זאל זיך צורירן צום רבי'ן, און האבן א שייכות - איינער מיטן אנדערן זאלן 'רעדן'!

למשל 'דער תורה', ס'איז דאך א געוואלדיגער יסוד דער תורה! און דאס נוצט ממש צום לעבן, מען קען גארנישט לעבן אָן דעם תורה!

*

הייבט דער רבי אָן צו רעדן (בתורה הנ"ל, אות א'); דער מענטש דארף זיך ארום זוכן אין אלע צייטן צו ער איז דבוק אין השי"ת, און דער סימן אויף דביקות - זאגט דער רבי - איז 'תפילין'!

'תפילין' ווייסט מען איז 'בושה' - זאגט דער רבי ווייטער[ב], תפילין איז 'בושה'! א מענטש אז ער האט אין זיך א בושה פאר'ן אויבערשטן, איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן! טאמער נישט, איז ער נישט דבוק אינעם אויבערשטן! דאס איז דער סימן פון א דבוק אינעם אויבערשטן!

זאגט דער רבי ווייטער, אז מען קען אבער נישט קומען דערצו, נאר דורכן 'דיבור', מען זאל היטן אויפ'ן דיבור! ארויסנעמען דעם דיבור, מעלה זיין דעם דיבור - דאס איז א געוואלד!

*

# 'עז פנים לגיהנם'

ס'קומט אוים, איך דארף זיין דבוק אינעם אויבערשטן דורך 'בושה', און אויב דער דיבור מיינער איז נישט כהוגן, האב איך נישט קיין בושה!

[ב] שם באות ה'; כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, וּמֵסִיר מִמֶּנּוּ הַטִּפְּשׁוּת, וְנִתּוֹסֵף בּוֹ שִׂכְלוֹ, אֲזַי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ בְּיוֹתֵר, וְנִתְגַּלֶּה הַבּוּשָׁה עַל פָּנָיו, וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת אוֹר הַתְּפִלִּין.

דאס זעהט מען ארויס בחוש אויך, דער גרעסטער עזות ליגט אין דיבור, אויך 'לשון הרע' מיט 'רכילות' מיט 'קללות' מיט 'מבזה זיין', אלעס, אלעם ליגט אין דעם דיבור! ממש דאס גרעסטע עזות און חוצפה ליגט אלעם אין דעם דיבור!

'חוצפה', מיט וואס איז א מענטש א חצוף? מיט'ן דיבור! מ'קען אויפהייבן א האנט - שלאגן יענעם, אבער אזוי - איז דאך 'נאר דער דיבור'! מען שרייעט, מען קוויטשעט, מען רעדט לשון הרע מיט רכילות'ן, און שלעכטע דיבורים, אלס דער דיבור! דאס איז דער עיקר 'עזות', און 'עזות' איז דער היפוך פון בושה! אזוי ווי ס'איז דא 'עז פנים', אזוי איז דא אקעגן דעם 'בושת פנים'![ג]

איז זוכה זיין צו דער זאך פון בושה - וואס דעמאלטס איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן, דארף מען מעלה זיין דעם דיבור, אפהיטן דעם דיבור!

*

זאגט דער רבי (לעיל אות ב'): פון דעם נעמט זיך אלע מקטריגים!

א מענטש האט דאך אסאך מקטריגים, עס שטייט אין זוהר הקדוש - אין דער הקדמה פון תיקונים,[ד] אז דער מענטש האט אזעלכע מקטריגים, וואס דאס איז דער 'יצר הרע' - דער 'מקטרג הגדול', אלע טאג קומט ער מקטרג זיין; 'יענער האט אזוי געטוהן', 'אזוי געטוהן', אזוי - א 'מקטרג'! און מען קען איהם נישט אפשטופן מיט קיין ידים ריקניות!

זאגט דער רבי דא, אז דער 'מקטרג הגדול' איז יונק פון דעם 'דיבור'! וואס ער פאקט עפעס א 'דיבור' - 'דיבורים פגומים', דארט כאפט ער א מענטשן, דאס איז אינגאנצן זיין יניקה, און דאס איז ער מקטרג!

[ג] שם אות ו'; וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ ז"ל: 'מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עַזּוּת בְּיָדוּעַ שֶׁלֹּא עָמְדוּ רַגְלֵי אֲבוֹתָיו עַל הַר סִינַי' ... וְעַל־יְדֵי־זֶה וַיְגָרֶשׁ אוֹתוֹ מִגַּן עֵדֶן, 'כִּי עַזּוּת־פָּנִים לְגֵיהִנֹּם', וְכַד תָּב בִּתְיוּבְתָּא, כְּתִיב: "וַיַּעַשׂ לָהֶם כָּתְנוֹת עוֹר" - דָּא תְּפִלִּין (כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים תִּקּוּן ס"ט דַּף ק"ה.)

[ד] עי' בהקדמת תיקוני הזוהר (דף ח' ע"ב) "בא להרגך השכם להרגו בצלותא - - דבכל יומא תבע חובין דבנוי לשחטא לון" וכו'.

ווארן אלע זאכן - א מענטש האט אין זיך עוולות, אבער על כל פנים, ס'זאל כאטש - ווי דער רבי זאגט דארטן:[ה] "דער גיבור האט האט נאר געוואלט הכנעה"! האב כאטש 'הכנעה'!

דאס איז אויך א ענין פון בושה, 'האב כאטש הכנעה'! ממילא ווי אזוי דו ביסט - וואס רעדסטו נאך מיט עזות?! פארוואס ביסטו נאך אן עזות פנים אויך?! 'לא די' וואס דו ביסט אזוי - וואס האסטו אין זיך עזות?!

*

אז דער גמרא זאגט:[ו] אז אברהם אבינו האט אלע עונשים איבערגעביטן אויף 'שיעבוד מלכיות', אבער 'עזות' האט האט ער נישט געקענט איבערבייטן, נאר דאס איז פארבליבן! 'עזות' איז פארבליבן אין גיהנם!

וואס איז 'עזות' אזויפיל גרוים - מער ווי אלדינגס?! ווייל אז ער האט אין זיך עזות, וועט ער בשום אופן נישט קענען טוהן קיין תשובה! אז ער האט אין זיך עזות, איז דאך אלעס מיט א חוצפה, דאס קען מען נישט איבערבייטן! אלע עונשים האט ער איבערגעביטן אויף 'שיעבוד מלכיות' און 'עזות' נישט! - דער רבי רעדט דאך אין די תורה כ"ב!

*

דער דיבור דארף זיין - א מענטש דארף נישט רעדן אזוי הויך, שטילער דארף זיין דער דיבור,[ז] און נישט מיט קיין געלעכטער!

דער גמרא זאגט,[ח] אז ריש לקיש האט געהערט פון רבי יוחנן: "אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה", זאגט דער גמרא - 'כל ימיו' האט מען אויף ריש לקיש נישט געזעהן קיין שחוק!

"אסור לאדם שימלא שחוק פיו"! אזא מין געלעכטער דארטן!

---

[ה] סיפורי מעשיות, מעשה י"ב - מהבעל תפלה.

[ו] עי' מדרש רבה פרשת לך לך מ"ד כ"א, ופרשת פקודי נ"א ז', ועי' בליקוטי מוהר"ן תו' כ"ב אות י"א.

[ז] יומא דף פ"ו ע"א, 'ודיבורו בנחת עם הבריות'.

[ח] ברכות דף ל"א ע"א.

'בשמחה' מעג מען יא זיין! נאר 'ימלא שחוק פיו' - א געלעכטער, א מין געלעכטער "אז ימלא שחוק פינו" - ס'טוהט זיך א געלעכטער, דאס טאר מען נישט!

און ריש לקיש איז געווען א תלמיד ביי רבי יוחנן, האט ער געהערט פון רבי יוחנן דעם דיבור - איז 'כל ימיו' האט ריש לקיש נישט געוויזן קיין 'מלא שחוק'! ער האט געהערט פון זיין רבי'ן! דאס איז אלס די ענין פון עזות.

*

# 'קץ כל בשר'

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן תו' ל"ח באות ב' שם); ס'שטייט **"ויהי אחר הדברים האלה, והאלקים נסה את אברהם"**, (טייטשט דער רבי;) פון וואו נעמט ער די אלע נסיונות? הייבן הייבט עס זיך אָן - נעמט ער אלס פונעם 'אחר הדברים'![ט]

ווייל 'אחר הדברים' - דער 'מקטרג' שטייט ביי דעם דיבור, און איז יונק פון דעם דיבור! דערפון נעמען זיך אלע 'נסיונות' און אלעס. די אלע 'מלשינות' און אלע 'רעות', וואס מען רעדט אויף א מענטשן, נעמט זיך אלס פון דעם 'רוח סערה' - פון דעם 'אחר הדברים'!

ער איז דער 'קץ כל בשר', ער וויל מאכן א 'קץ' און א 'סוף' - 'לכל בשר'! דאס איז דער 'מקטרג הגדול', ער וויל מאכן א 'קץ' פון 'כל בשר', און זיין יניקה איז נאר פון דעם 'אחר הדברים', ער שטייט ביים דיבור - דארטן איז ער יונק!

ווען מען זאל זיין אפגעהיטן דעם דיבור - דער מענטש זאל זיך היטן דעם דיבור, איז ממש אלע מקטריגים - זיי האבן נישט קיין שום צוטריט צו איהם! נאר זיין אפגעהיטן דעם דיבור.

---

[ט] ז"ל בליקוטי מוהר"ן שם; וְרוּחַ סְעָרָה הַזֶּה, הוּא מְקַטְרֵג הַגָּדוֹל, שֶׁמִּמֶּנּוּ בָּאִים כָּל הַקִּטְרוּגִים וְהַנִּסְיוֹנוֹת, וְהוּא 'אַחַר הַדְּבָרִים', שֶׁהוּא יוֹנֵק מֵהַדִּבּוּר, כְּשֶׁמּוֹצֵא פֶּתַח לִינֹק, הַיְנוּ "לַפֶּתַח חַטָּאת" (בְּרֵאשִׁית ד'), וּכְתִיב (מִיכָה ז'): "שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ" וְכוּ', וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (וַיֵּרָא קי"ט:): "וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם", וְהוּא מְסָעֵר גּוּפֵהּ דְּבַר נַשׁ, וְכָל הַמַּלְשִׁינוּת וְהָרָעוֹת שֶׁדּוֹבְרִים עַל אָדָם, בָּא מֵרוּחַ סְעָרָה, מֵאַחַר הַדְּבָרִים הַזֶּה, כִּי הוּא בְּחִינַת קֵץ כָּל בָּשָׂר (בְּרֵאשִׁית ו'), שֶׁעוֹשֶׂה קֵץ וְסוֹף לְכָל בָּשָׂר.

און פון דעם קען ער קומען צו דער זאך פון בושה![י]

*

זאגט דער רבי ווייטער א זאך (שם);[יא] די מענטשן וואס זענען דן יעדע מענטשן 'לכף חובה', און תמיד חוקר'ן זיי נאר אויף די חובות פון מענטשן, זיי נעמען זיך פונעם 'קץ כל בשר'! זיי זענען פון די בחינה פון 'קץ כל בשר'!

עס שטייט; "קץ שם לחושך ולכל תכלית הוא חוקר", זיי ווילן תמיד מאכן נאר א 'תכלית' און א 'כליה לכל דבר', און מעורר זיין 'דין' און 'מלשין זיין' און 'מקטרג זיין'!

ס'שטייט; "והרשעים כים נגרש כי השקט לא יוכל" - די רשעים זיי שטורעמען אזוי ווי דער ים, זיי קענען גארנישט זיין שטיל!

*

פריער האט דער רבי געזאגט,[יב] אז דער 'דיבור' איז דער זאך פון 'ים', "כל הנחלים הולכים אל הים" - אלע זאכן ציהט זיך צום 'דיבור', און דא זאגט דער רבי - אז די 'רשעים כים נגרש'.

- אז דער אויבערשטער העלפט, אז דער דיבור האלט מען בקדושה, בחינת 'אדני שפתי תפתח', איז טאקע 'כל הנחלים הולכים אל הים', אלע מידות טובות - אלעם גייט אריין אינעם דיבור. און אויב פארקערט, איז 'רשעים כים' - איז אויך א 'ים', שטורעמט זיך דער ים - "כים נגרש כי השקט לא יוכל"!

*

---

[י] עי' שם בליקוטי מוהר"ן אות ה'.

[יא] ז"ל בליקוטי מוהר"ן שם אות ב' בהמשך; וּבְנֵי אָדָם שֶׁהֵם דָּנִים אֶת כָּל אָדָם לְכַף חוֹבָה, וְחוֹקְרִים תָּמִיד עַל חוֹבוֹת בְּנֵי אָדָם, הֵם מִבְּחִינַת קֵץ כָּל בָּשָׂר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "קֵץ שָׂם לַחשֶׁךְ וּלְכָל תַּכְלִית הוּא חוֹקֵר", (עַיֵּן בַּזֹּהַר מִקֵּץ קצ"ג.), שֶׁהוּא חוֹקֵר תָּמִיד לַעֲשׂוֹת תַּכְלִית וְכִלָּיוֹן לְכָל דָּבָר, וּלְעוֹרֵר דִּין וּלְהַלְשִׁין וּלְקַטְרֵג, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ כִּי הַשְׁקֵט לֹא יוּכָל".

[יב] ריש אות ב'; כִּי הַדִּבּוּר שֶׁהוּא רוּחַ פִּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת פֶּה, הוּא בְּחִינַת יָם, שֶׁכָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִים לְתוֹכוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: כָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִים אֶל הַיָּם. וְהוּא בְּחִינַת אֲדֹנָי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח".

# 'מובחר האמת שבדיבור'

זאגט דער רבי;[יג] דארף יעדער מענטש זעהן "לאכפיא" - איינבייגן דעם "סטרא דקץ כל בשר תחת הדיבור של הקדושה", ער זאל זעהן אז דעם 'קץ כל בשר' - וואס זיין יניקה איז נאר פון נישט קיין גוטע דיבורים - זאל ער איהם איינבייגן 'תחת הדיבור של הקדושה', דאס דארף מען זעהן! דארף יעדער זעהן דאס דאזיגער.

אז ער וויל האבן אין זיך א מידה פון בושה פאר'ן אויבערשטן, מוז ער זעהן דעם דיבור - אפהיטן דעם דיבור, און זעהן אז דער 'קץ כל בשר' - וואס זיין יניקה איז דאך נאר פון די 'אחר הדברים', זאל ער זעהן איהם 'לאכפיא תחת הדיבור של הקדושה'!

בשעת ס'איז א התגברות פון צו רעדן אנדערע דיבורים, מוז ער שוין רעדן דיבורים קדושים!

דער רבי וועט דאך זאגן ווייטער;[יד] ביים אנהויב מוז מען נעמען 'מובחר האמת שבדיבור'! (דאס מיינט;) אז דער מענטש - אויב דער מידה איז שוין ביי איהם איינגעשטעלט, קען ער רעדן אמאל אזוי א דיבור (דברי רשות), אבער טאמער ביים אנהויב - ביים אנהויב מוז ער אנהויבן ביי 'מובחר האמת שבדיבור'!

דער 'מובחר האמת' - וועט דער רבי זאגן ווייטער[טו] - איז רעדן צום אויבערשטן דיבורים מיט 'התלהבות', דאס איז דער 'מובחר האמת שבדיבור'!

דער 'מובחר האמת שבדיבור' זאגט דער רבי ווייטער - איז ווען מ'איז מעלה דעם דיבור 'לשרשו לגבורות', ער הייבט אן רעדן צום אויבערשטן 'בשלהבת הגבורות'!

- אזוי פלעגט מען תמיד זאגן; אז "סעיף ה" (ענין ההתבודדות) איז א פירוש פון דעם "סעיף ג" - "מובחר האמת שבדיבור" וואס דער רבי רעדט דא!

---

[יג] שם אות ב'; וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לִרְאוֹת, לְאַכְפְּיָא סִטְרָא דְּקֵץ כָּל בָּשָׂר, תַּחַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה.

[יד] שם אות ג'; וְהַתְחָלַת עֲלִיּוֹת שֶׁל הַדִּבּוּר, הוּא מֵרֹאשׁוֹ, הַיְנוּ מֵהַמֻּבְחָר הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ בְּהַדִּבּוּר, שֶׁהוּא נִקְרָא רֹאשׁ.

[טו] באות ה'; וּכְשֶׁמַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לִגְבוּרוֹת, וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּשַׁלְהֶבֶת הַגְּבוּרוֹת, וּמְעוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

*

אזוי ברענגט דאך דער רמב"ם, דער רמב"ם ברענגט:[טז] א מענטש - ווען קען ער גיין 'בדרך הממוצע'? אז ער שטייט שוין אויף א וועג! אבער ביים אנהויב, מוז ער איבערבייגן אמאל אין איין זייט מערער!

אז דער ענין פון כעס איז איינגעשטעלט, איז אין אנהויב מוז ער זיך אזוי - אז ער זאל גארנישט (- ווערן אין כעס בכלל)! ביים אנהויב קען מען נישט גיין 'בדרך הממוצע'! אבער אז ער וועט זיך איינשטעלן, ער וועט שוין זיין (אינגאנצן אויסגעארבייט) - וועט ער קענען גיין 'בדרך הממוצע'! אבער ביים אנהויב מוז ער גיין מער לחוץ.

דער רבי זאגט דאך אויך אזוי; "והתחלת עליות של הדיבור" דארף זיין "מובחר האמת שבדיבור"! אנהויבן מעלה זיין דעם דיבור - אז דער מענטש ווייסט אז דער דיבור אז ביי איהם נישט אפגעהיט, און ער ווייסט אז ער דארף האבן רחמים מיט'ן דיבור, קען ער נישט אנהויבן שוין זיך (נאכלאזן) - "עה, איך וועל זיך (שוין היטן)", נאר ער מוז אנהויבן מיט א 'מובחר האמת'; תורה, תפילה, התבודדות! א 'מובחר האמת שבדיבור' - דאס 'בעסטע' - מוז ער האבן ביים אנהויב!

נאר אז ער וועט זיך שוין איינשטעלן, קען ער רעדן אמאל אזוי (דברי רשות), אבער ער קען נישט רעדן ממש קיין 'דיבור רשות' ביים אנהויב, ווייל דער דיבור איז ביי איהם זייער פגום, מוז ער האבן 'מובחר האמת שבדיבור'!

*

# 'יקם סערה לדממה'

(חוזר לסוף אות ב' בליקוטי מוהר"ן שם):[יז] דארף ער זעהן אז ער זאל איינבייגן דעם "סטרא דקץ כל בשר, תחת הדיבור של הקדושה", אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר;

---

[טז] הקדמה למסכת אבות, בשמונה פרקים להרמב"ם פרק ד'.

[יז] שם אות ב' בסופו; וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לִרְאוֹת, לְאַכְפְּיָא סִטְרָא דְּקֵץ כָּל בָּשָׂר, תַּחַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר: "אַשְׁרֵי לַגֶּפֶן עִירֹה", 'גֶּפֶן' דָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּפְקֹד גֶּפֶן זֹאת", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְזֹאת אֲשֶׁר דִּבֶּר", וּכְשֶׁהוּא כּוֹפֵף אֶת רוּחוֹ סְעָרָה, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא נוֹטֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַדִּבּוּרִים שֶׁנָּפְלוּ לְתוֹכוֹ, אָז "יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה".

"אוסרי לגפן עירה - גפן דא כנסת ישראל", זאגט דער רבי - 'גפן' מיינט מען דעם 'דיבור', "כמו שכתוב 'ופקוד גפן זאת', וכמו שכתוב 'וזאת אשר דיבר'!

"עירה" (- אסרי לגפן עירה) - איז דאך טייטש א 'מויל אייזל', אן 'אייזל'. דער רבי זאגט ווייטער;[יח] דאס איז דער "מארי דדינין, המה וחמוריהם, אינון וכל סטר מסאבא" - איז דער 'עירה' מיינט מען דעם 'פגם הדיבור', דאס איז דער 'עירה' - 'חמור'!

דארף איך זעהן, איך זאל צובינדן - "אוסרי לגפן" - דער 'דיבור דקדושה' זאל צובינדן די 'עירה'! 'עירה' - דעם 'חמור', דאס איז דער 'פגם הדיבור', זאל איך איהם צובינדן צום 'גפן' - צום "וזאת אשר דבר", דאס איז דער 'גפן', דאס איז "ופקוד גפן זאת"!

און אז ער וועט איינבייגן דעם "רוחו" - דעם "סערה" - ער וועט ארויסנעמען פון איהם אלע דיבורים, דעמאלטס וועט מקוים ווערן "יקם סערה לדממה", ס'וועט שטיל ווערן די 'רוח סערה'! (- עד כאן תוכן הלשון בלקו"מ אות ב').

ס'איז ממש א 'רוח סערה', א 'שטורעם'! דאס קען מען וויסן ביי זיך אויך, ס'גיבט א קום א 'ברענוג' פון דעם דיבור - אזוי ווי א 'שטורעם', א 'רוח סערה' ברענט אין איהם! ס'קען זיך גארנישט איינשטילן זיך! זאגט דער רבי; מוז מען אנהויבן ביי מובחר האמת שבדיבור! איי איי - -

*

[יח] שם אות ד'; כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר: "הַבֹּקֶר אוֹר" דָּא בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם, "וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ", אִנּוּן מָארֵי דְּדִינִין, "הֵמָּה וַחֲמוֹרֵיהֶם", אִנּוּן וְכָל סְטָר מְסָאֳבָא ... אֲזַי נוֹפְלִים כָּל הַמְקַטְרְגִים הַשּׁוֹלְטִים עַל הַדִּבּוּר.

# 'תורה שלמדתי באף'

ער זאגט - דער פרפראות[יט] - אז דער רבי רעדט דא פון צוויי זאכן; דער רבי רעדט דאך וויטער (באות ה')[כ] פון 'התבודדות' - אבער דא (באות ד')[כא] רעדט דער רבי פון 'תיקון הדיבור'.

דער רבי רעדט פון 'עליית הדיבור' (באות ה' הנ"ל בענין 'התבודדות') - דארט רעדט דער רבי פון 'מעלה זיין' דעם דיבור, און (דא אין אות ד', פון -) 'פאררעכטן' דעם דיבור!

(קומט אויס); 'מעלה זיין' דעם דיבור - 'מובחר האמת', קומט אוים וויטער (באות ה') - איז טאקע 'התבודדות', אבער 'תיקון הדיבור' זאגט דער רבי (באות ד') - איז דורך 'לערנען תורה בעניות ובדחקות' - דאס איז דער 'תיקון הדיבור'!

"ארויסנעמען דעם דיבור פון זיי" - (וואס דאס מיינט); "מעלה זיין דעם דיבור לשרשו"! און "פאררעכטן דעם דיבור"! - צוויי זאכן רעדט דער רבי דא!

(השואל; וואס איז פריער? פריער גייט 'מעלה זיין'?!) פריער גייט 'תיקון הדיבור' - 'פאררעכטן', נאכדעם בין איך איהם 'מעלה'!

דער דיבור איז דאך ארייגעפאלן צו זיי, דער דיבור ליגט אין זיי, זיי האבן א יניקה פונעם דיבור, אינגאנצן דער מקטרג - האט נאר א יניקה פון די דיבורים! דארף איך פאררעכטן דעם דיבור, און איהם מעלה זיין צום אויבערשטן!

(השואל; פריער דארף זיין 'תורה בדחקות'?) יא יא, בסדר, איז אזוי - דער רבי הייבט דאך אָן ליקוטי מוהר"ן[כב] - "דורך תורה ווערן נתקבל אלע תפילות און אלע

---

[יט] עי' בספר 'באבי הנחל' על ליקו"מ.

[כ] באות ה; וּכְשֶׁמַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לִגְבוּרוֹת, וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּשַׁלְהֶבֶת הַגְּבוּרוֹת, וּמְעוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בַּחֲמִימוּת שֶׁבַּלֵּב, דְּבַר אֱמֶת שֶׁבַּלֵּב.

[כא] באות ד'; וְתִקּוּן הַדִּבּוּר, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁלּוֹמְדִין בַּצַּר לָאָדָם, בַּעֲנִיּוּת וּבְדַחֲקוּת ... אֲזַי נוֹפְלִים כָּל הַמְקַטְרְגִים הַשּׁוֹלְטִים עַל הַדִּבּוּר.

[כב] ריש תו' א'; דַּע כִּי עַל יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי ... כִּי הַתּוֹרָה

בקשות"! קומט דאך אוים פונעם רבי'נס דיבורים, אז דורך 'לימוד התורה' - און נאכדעם אז מען רעדט צום אויבערשטן א 'דיבור' - ווערט דער דיבור נתקבל!

דורך די תורה האט מען 'חן', דער רבי זאגט דארטן - "די תורה איז מעלה חן על לומדיה", און אז איך האב 'חן' ווערט דער דיבור נתקבל! קומט פון דארט אויך אזוי אוים (אז פריער דארף מען 'תורה').

*

דער 'תיקון הדיבור' זאגט דער רבי דא (באות ד) איז - אז מען לערנט 'בעניות ובדחקות', דאס הייסט 'הלומד תורה בלילה', זאגט דער רבי - 'בלילה' מיינט מען 'בעניות ובדחקות'! נישט נאר 'ביינאכט', (נאר) בשעת ס'איז איהם ענג, און ער האט נישט קיין צייט, דעמאלטס איז דער חשיבות פון לערנען!

ווי זאגט דער גמרא[כג] - "אף חכמתי עמדה לי, חכמה שבאף עמדה לי" - זאגט דער גמרא.

*

(אחד מהנוכחים: רבי שמשון בארסקי אין ליקוטי עצות עברי-טייטש, טייטשט ער 'תורה בכח' וואס די רבי ברענגט אין תורה א', "אז ס'איז איהם ענג, ער האט נישט קיין צייט, ס'איז איהם שווער, ער רייסט זיך"! רבי אברהם ר' נחמנ'ס זאגט אנדערש: "אז ער גייט מיט א תורה"!) - יעדער האט גערעדט פון וואס ער האט געהאלטן! רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געהאלטן ביי דעם ענין פון 'גיין מיט א תורה'! אבער איינס איז נישט סותר דאס אנדערע, יא יא, ס'איז ביידע אמת, ס'איז ביידע אמת!

דער אמת איז אז די אלע רפואות דארפן מיר האבן, מיר קענען נישט אנהויבן ביי איין רפואה,[כד] אמאל רעדט דער רבי פון 'תיקון הדיבור' - לערנען תורה בשעת

---

נִקְרֵאת: "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ" (עֵרוּבִין נ"ד:), וְעַל־יְדֵי־זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת.

[כג] עי' ילקוט שמעוני קהלת ב' רמז תתקס"ח.

[כד] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש השנה הלכה ו' אות ט'; אֲבָל בְּכָל זֹאת אֵין יוֹדְעִין מֵהֵיכָן הַהַתְחָלָה, כִּי הַכֹּל תָּלוּי זֶה בָּזֶה ... עַל כֵּן הָעִקָּר לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ אַחַר הָרַבִּי הָאֲמִתִּי וְחָבֵר אֲמִתִּי, בִּבְחִינַת עֲשֵׂה לְךָ רַב וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, שֶׁיּוֹרֵהוּ וִילַמְּדֵהוּ שֶׁיַּתְחִיל מִמָּקוֹם שֶׁיַּתְחִיל מֵאֵיזֶה נְקֻדָּה מִכָּל הַמְבֹאָר לְעֵיל, וְאָז בְּוַדַּאי יִזְכֶּה

ס'איז איהם ענג אין די צייט, ס'איז מיר שווער צו לערנען, און מיט כוחות לערן איך תורה - איצט 'פארערכט' איך דעם דיבור! נאכדעם - 'מעלה זיין' דעם דיבור, זאגט דער רבי! (- ע"י שמדבר בינו לבין קונו בשלהבת הגבורות, עיי"ש בסעיף ה'. ועל כן אי אפשר לשאול מהו קודם, מפני שבאמת צריכין להתחיל מכל מיני רפואות, תורה ותפילה).

*

## 'שכבי עד הבוקר'

אונזערע לייט פלעגן דא מדייק זיין, זיי פלעגן טייטשן דא - ווייטער טייטשט דער רבי אריין,[כה] עס שטייט דארטן ביי 'יוסף הצדיק'; "הבוקר אור והאנשים שלחו המה וחמוריהם", זאגט דער זוהר הקדוש; "אינון וכל סטר מסאבא", ס'האט געשיינט דער בוקר זענען זיי געווארן ארויסגעשיקט, שוין! דער רבי זאגט דאך דא, אז דאס איז 'תיקון הדיבור'.

עס שטייט דארטן ביי בועז'ן - ער האט געזאגט; "שכבי עד הבוקר", דעמאלטס איז דאך געווען א התגברות, א התגברות געווען, האט ער געזאגט "שכבי עד הבוקר" - ביז ס'וועט שיינען דער 'בוקר' - דעמאלטס גייט ארויס דער דיבור "בשיר ושבח והלל להקדוש ברוך הוא"!

איז וויל דארט האט מען מקיים געווען 'שכבי עד הבוקר', איז ארויסגעקומען פון זיי 'דוד המלך', ער האט שוין ארויסגעגעבן דעם 'תהילים'! 'שכבי עד הבוקר' - ווארט ביז צו דעם 'בוקר'!

לְאַחֲרִית טוֹב ... כִּי צְרִיכִין לְהַתְחִיל, וְלַחֲזוֹר וּלְהַתְחִיל, כָּל יְמֵי חַיָּיו, עַל יְדֵי כָּל הַדְּרָכִים וְהָעֵצוֹת הַנַּ"ל, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת.

[כה] שם אות ד'; וְתִקּוּן הַדִּבּוּר, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁלּוֹמְדִין בַּצַּר לָאָדָם, בַּעֲנִיּוּת וּבְדַחֲקוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת לַיְלָה ... וַחֲכָמֵינוּ ז"ל אָמְרוּ: 'הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה, מוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד בַּיּוֹם'. 'חֶסֶד', הוּא בְּחִינַת בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (מִקֵּץ ר"ג.): "הַבֹּקֶר אוֹר" 'דָּא בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם', "וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ", אִנּוּן מָארֵי דְּדִינִין, "הֵמָּה וַחֲמוֹרֵיהֶם", אִנּוּן וְכָל סִטְרָ מְסָאֳבָא, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (רוּת ג'): "שִׁכְבִי עַד הַבֹּקֶר". אֲזַי נוֹפְלִים כָּל הַמְקַטְרְגִים הַשּׁוֹלְטִים עַל הַדִּבּוּר, וְאָז הַדִּבּוּר יוֹצֵא בְּשִׁיר וָשֶׁבַח וְהַלֵּל לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא.

ווען דארט וואלט ווען נישט געווען זיין 'שכבי עד הבוקר', וואלט נישט געווען דעם דאזיגן דוד המלך'ן! נאר ווייל זיי האבן מקיים געווען - 'ענוותנותו של בועז'[כו] איז געווען נאך העכערע התגברות - נאך מער ווי יוסף הצדיק'ן, א געוואלד איז געווען אזא מין דאזיגע (- נסיון)!

'שכבי'ווארט צו, ביז ס'וועט ווערן דער 'בוקר', ס'וועט זיין דער 'בוקר'! זאגט דער רבי - 'ואז' גייט ארויס דער דיבור 'בשיר ושבח והלל להקב"ה'! ווען נישט - וואלט נישט ווען געווען! אזוי - איז ארויס! אז מען האט געווארט ביז ס'איז געווארן דער 'בוקר', דער 'בוקר אור' - איז ארויס אזא מין דיבור! - 'דוד המלך'! ער האט געמאכט א תהלים פאר'ן אויבערשטן, 'בשיר ושבח והלל להקב"ה'!

*

ס'איז ביי יעדעם איינעם אויך אזוי, אז ס'קומט איהם אָן א התגברות פון רעדן - דער רבי רעדט דאך דא פון 'דיבור' - א התגברות פון 'פגם הדיבור' קומט ארויס, א התגברות פון רעדן, און ער איז זיך דעמאלטס מתגבר, און מיט וואס? טאקע מיט תורה! דא רעדט דער רבי פון 'תורה', ווייטער וועט דער רבי רעדן פון 'התבודדות', און אז ער איז זיך מתגבר דעמאלטס, און ער ווארט צו ביז ס'ווערט איהם לעכטיג, גייט ארויס דעמאלטס אזא מין 'דיבור להקב"ה'!

און ס'איז ביי יעדעם איינעם אזוי! ס'איז איהם געקומען א התגברות פונעם דיבור, און ער האלט זיך איין, און ער רעדט נישט, און ער ווארט צו - ביז ס'ווערט איהם ליכטיג, דעמאלטס רעדט ער צום אויבערשטן דיבורים "בשיר ושבח והלל להקדוש ברוך הוא" - רעדט ער! רעדט ער!

(אחד מהנוכחים: ביי בועז איז א אנדערע נסיון געווען?!) יא, אבער ס'איז אלס - אין זוהר הקדוש שטייט - מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, מען קען נישט אזוי פיל רעדן (אזוי שארף), ס'שטייט אין זוה"ק[כז] - אז א מענטש איז פוגם דעם דיבור, און דערנאך לערנט ער - פון זוהר ווייזט אויס אז מען רעדט אז דער מענטש טוהט נישט תשובה, זאגט דער זוהר הק' - איז מען איהם אויבן 'מנדה', מען לייגט איהם אין 'חרם' דערפאר! און דער חרם האלט אויס 'פערציג טעג', אין אלע עולמות שרייעט

[כו] עי' סנהדרין דף י"ט ע"ב.

[כז] עי' זוהר הקדוש ח"ב, פרשת שמות דף רמ"ט ע"ב.

מען אוים "אז די נשמה איז אין חרם", און 'פערציג טעג' ווערט נישט נתקבל זיין תפילה!

מען לייגט איהם אין חרם אריין אויף פערציג טעג, און מען רופט אוים למעלה אז ער איז אין חרם פערציג טעג, און זיין תפילה ווערט נישט נתקבל קיין פערציג טעג! אז ס'ענדיגט זיך די פערציג טעג איז מען מתיר דעם חרם.

איז דאך דאס א געוואלדיגע זאך, דער דאזיגע וואס דאס איז! פון זוהר הק' א שארפע לשון!

מען קען נישט אזוי שארף רעדן, נאר ווייזן ווייזט אוים - אז ער טוהט נישט קיין תשובה, ער איז פוגם אינעם דיבור - און גייט גלייך לערנען און טוהט נישט קיין תשובה. אבער אז ער האט חרטה, ער האט חרטה - וואס זאל ער טוהן? ער זאל נישט גלייך גיין לערנען?! לערנען תורה איז דאך א רפואה! דארף ער כאטש חרטה האבן!

גיין מיט עזות מיט חוצפה - וואס ער האט זיך אנגערעדט פריער, און שוין צום לערנען?! איז דאך א געוואלדיגע קיטרוג למעלה! וואש דיך כאטש אוים דאס מויל! שווענק זיך אוים דאס מויל כאטש! רייניג אוים דאס מויל פריער, האב כאטש חרטה!

דער טשעבינ'ער רב האט דאס דערציילט אויף זיין רבי, זיין רבי! אז איידער ער איז אריין צום שיעור, איז ער געליגן אויף דער ערד, און ער האט געשריגן צום אויבערשטן; "**איך זאל נישט זיין פון די וואס דו זאגסט צו זיי, מה לך לספר חוקי**"![כח] (ר' נחמן בורשטיין ז"ל; איך האב עס געהערט פון ר' נטע פריינד אויפ'ן 'קצות').

*

---

[כח] עי' מאור ושמש פרשת דברים, ד"ה או יאמר אלה הדברים; והנראה לי, כי הנה מצאנו בספרי קודש, וכן שמעתי מרבותי הקדושים נשמתם עדן, שהעיקר מעיקרי העבודה הוא להרהר בתשובה קודם ישיבתו ללמוד תורה, או קודם עשייתו מעשה המצוות, ואדמו"ר הרב בוצינא קדישא רבן של כל בני הגולה מו"ה יעקב יצחק מק"ק לובלין זצוק"ל אמר, שאם האדם אינו עושה תשובה קודם לימוד התורה עליו נאמר (תהלים נ, טז) ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חוקי וגו'.

הכלל, דעם רבי'נס זאך איז געגעבן געווארן אויף 'לחזק'! אויף 'לחזק', און אויף 'שמחה'! ברוך השם - אז מיר ווייסן פון די זאך פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים!

יעדער זאך וואס מיר רעדן - און יעדער איינער ווייסט דאך ביי זיך ווי אזוי ער איז ווייט פון דער זאך - איז דער עצה דאס אויסרעדן פאר השי"ת; "געוואלד, געוואלד, אזא דיבור איז דא, אין ליקוטי מוהר"ן שטייט אז דער דיבור איז 'אדני שפתי תפתח', דער דיבור איז 'כל הנחלים הולכים אל הים', און (דיבורים רעים) איז 'והרשעים כים נגרש', און דער דיבור איז 'המקטרג הגדול', און ס'איז אלעם - א געוואלד"!

'רעדן' - דאס אויסרעדן פאר השי"ת! וויסן מען האט עפעס א (אחריות) - דער דיבור איז נישט הפקר ביי דיר! דער דיבור איז נישט הפקר!

*

# 'חוט של חסד ביום'

רעדט דער רבי רבי דא, אז דער 'תיקון הדיבור' איז דורך תורה וואס מען לערנט 'בעניות ובדחקות'! דער גמרא זאגט דאך אזוי; "הלומד תורה בלילה, מושכין עליו חוט של חסד ביום" - בייטאג האט ער א 'חוט של חסד', טייטשט דער רבי דא; "הלומד תורה בלילה" - בשעת ס'איז איהם ענג, דער עיקר מיינט מען 'דחקות', ס'איז איהם ענג אין דעם זמן, ס'איז דא א התגברות פון "קץ שם לחושך", א התגברות פון 'פגם הדיבור'!

מען זעהט דאך א מענטש קען אזוי אפרעדן פון 'דברים בטלים' אָן א גבול, און אז מען לערנט תורה ווערט ער מיד! אז מען רעדט אמאל די נארישע רייד, קען מען זיצן רעדן און רעדן, און ווערט גארנישט מיד!

ס'איז א מדרש דא;[כט] "הוגעתם ה' בדבריכם" - זאגט דער מדרש אזוי - "איך האב באשאפן אלע וועלטן בין איך נישט געווארן מיד, מיט וואס מאכט איר מיך מיד? אז איר זענט פוגם אינעם דיבור"! 'הוגעתם' איז א לשון פון מאכן מיד.

---

[כט] עי' שמות רבה י"ג א'.

"איך האב באשאפן (אלע וועלטן) - **לא ייעף ולא ייגע** - איך בין נישט געווארן מיד! נאר מיט וואס מאכט איר מיך מיד? ווען איר זענט פוגם אינעם דיבור - בדבריכם"!

*

זאגט דער רבי - א געוואלד - דעמאלטס (בשעת התגברות הנסיון) אז מען ווארט צו, מען לערנט תורה 'בלילה', ווערט נמשך א 'חוט של חסד', און אז ס'קומט אינדערפרי - גייט ארויס דער "דיבור בשיר ושבח והלל להקב"ה"!

בפשטות קומט דאך אויס, אז האבן מיר א נאכט און א טאג, אין דער נאכט דארף מען טוהן עפעס אין אידישקייט, און אינדערפרי קען מען דאווענען - א דאווענען! מען דאווענט "בשיר ושבח והלל להקב"ה"!

אבער אזוי ווי דער רבי טייטש עס איין דא, גייט עס ארויף אויף יעדעם איינעם (- בכל עת)! א מענטש - אז ס'איז איהם 'פינסטער', ער האט א 'התגברות' - א התגברות פון רעדן, פונעם 'רוח סערה', איך וויל רעדן 'אנדערע דיבורים', רעדן 'דיבורים פגומים', ער וויל רעדן 'דברים בטלים' איז אויך אזוי! איז דאך א געוואלדיגע התגברות - דעמאלטס פארלייגט ער זיך מיט אלע כוחות! און דעמאלטס לערנט ער 'תורה', 'אוסרי לגפן עירה', מען בינדט צו צום 'גפן' - בינדט ער צו דער 'חמור', איז דעמאלטס ווערט 'נמשך חוט של חסד'!

דארף ערווארטן - דאס איז 'אינדערפרי' - ס'קומט א חוט של חסד! גייט ארויס דער דיבור בשיר ושבח והלל להקב"ה!

*

# 'אל דמי לך'

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן אות ד' -) דער רבי טייטשט;[ל] "**אלקים אל דמי לך**", 'אלקים' איז דאך א ענין פון 'דינים', אז ס'איז דא א התגברות פונעם 'רוח סערה', דעמאלטס 'אל דמי לך', זאלסטו נישט שווייגן! דעמאלטס זאלסטו נישט שווייגן!

[ל] שם אות ד'; וְתִקּוּן הַדִּבּוּר, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁלּוֹמְדִין בַּצַּר לָאָדָם, בַּעֲנִיּוּת וּבְדַחֲקוּת ... וְאָז הַדִּבּוּר יוֹצֵא בְּשִׁיר וָשֶׁבַח וְהַלֵּל לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אֱלֹקִים אַל דֳּמִי לָךְ".

אונזערע לייט פלעגן זאגן; איינער אמאל דארטן - ער האט א חולאת פון 'היץ', ער האט פיבער שטארק, שטארק מיט פיבער, ס'ברענט, ס'ברענט, ער ווערט שוין פארברענט! מוז ער עפעס טוהן, עפעס לייגן א קאלטער (קאמפרעס) - וואסער! דער היץ קען אוועקגיין אפילו אָן דעם אויך - אבער דער מח קען איהם ווערן פארברענט, צו דער מח קען עס איהם שאטן!

אז ס'ברענט (בתאוות וכדומה) אז מען קילט נישט אפ - - דער 'ברענען' ברענט נישט כסדר, ס'גייט טאקע אוועק, אבער דער מח ווערט פארברענט!

דער רבי ברענגט דארטן אין דער מעשה,[לא] ווי דער בן המלך האט 'געשטיפט' - געקראכן אויף דער בוים, האט זי גענומען דעם ברען-בריל, געהאלטן אקעגן, און פארברענט זיין מח, און ער איז אריינגעפאלן אין ים און דערטרונקען געווארן!

פלעגן אונזערע לייט דאס טייטשן - דארט איז געווען ניבול פה, ליצנות דארטן, אויסגעטוהן די קליידער און ארויף אויבן - האט זיך איהם פארברענט דער מח! האסט געברענט (חמימות היצר)? ווערט דער מח פארברענט - און ווערט דערטרונקען!

עס שטייט;[לב] "חם לבי בקרבי", איז די עצה - "דברתי בלשוני"! דארף מען רעדן! נישט 'שווייגן' ביז ס'וועט אוועקגיין פון זיך אליין דער חמימות, (ווייל אפילו ס'וועט אוועקגיין די חמימות - אבער דער מח איז שוין פגום, דער מח איז שוין פארברענט!

*

דער רבי זאגט; בשעת ס'קומט אָן 'בלילה', בשעת ס'איז דא 'מניעות', ס'איז דא 'דחקות', 'בצר לאדם' - דעמאלטס זאלסטו ארויסכאפן! דעמאלטס זאלסטו מיט 'כוחות' אנטוהן זיך! און דעמאלטס וועט ער זוכה זיין צו א 'חוט של חסד ביום' - וועט ארויסגיין דער דיבור 'בשיר ושבח והלל להקב"ה'!

---

[לא] סיפורי מעשיות, מעשה ב' - מלך וקיסר.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן כאן אות ה'; וּכְשֶׁמַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לִגְבוּרוֹת, וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּשַׁלְהֶבֶת הַגְּבוּרוֹת, וּמְעוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אֲזַי נִכְנָס אוֹר שֹׁרֶשׁ שֶׁל הַגְּבוּרוֹת, הַיְנוּ חֲמִימוּת הַלֵּב, כִּי שֹׁרֶשׁ הַגְּבוּרוֹת הֵם בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ט): "חַם לִבִּי בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי" וְכוּ'. (ועי' גם תו' י"ט אות ה').

- דא (באות ד׳) רעדט דער רבי פון ׳תיקון הדיבור׳ - פון פאררעכטן דעם דיבור דורך ׳תורה׳.

ווייטער זאגט דער רבי (באות ה׳) - אז מען איז ׳מעלה דעם דיבור לשרשו, היינו לגבורות׳, ער הייבט אָן רעדן ׳בינו לבין קונו בשלהבת הגבורות׳, און ער איז זיך ׳מעורר לעבודת השם יתברך׳. - דא רעדט דער רבי א ענין פון ׳מעלה זיין דעם דיבור׳ - ״ודובר אמת בלבבו״, און ״מובחר האמת שבדיבור״, ער הייבט אן רעדן ״דברי אמת שבלבו״!

*

# ׳כסתה כלימה פני׳

דער תורה איז געזאגט געווארן - האבן מיר פריער גערעדט - שבת שירה אין ׳זלאטיפאליע׳, איידער רבי נתן איז געווארן מקורב. רבי נתן איז געווארן מקורב אלול סוף תקס״ב, און די תורה איז געזאגט געווארן ׳שבת שירה׳, דאס איז דער ווינטער פריער, א האלבע יאר פריער.[לג]

דער רבי רעדט ווייטער דא פון ׳בושה׳, ער הייבט אָן רעדן, ער באקומט אמאל א ׳בושה׳ - א בושה אויפ׳ן פנים, ׳על פניו׳![לד]

דוד המלך זאגט; ״כסתה כלימה פני״ - א בושה האט מיר בארעקט! דוד המלך האט זוכה געווען צו דעם דיבור, ער האט דאך געהאט א דיבור פון תהילים - ׳שיר ושבח והלל להקב״ה׳! האט ער געהאט אזא מין ׳בושה׳ אויף זיך, אז ׳כסתה׳ - דאס בושה האט בארעקט דאס פנים! ס׳איז געליגן א בושה אויפ׳ן פנים!

---

[לג] עי׳ חיי מוהר״ן אות נ״ט.

[לד] באות ה׳; וּכְשֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבְּלִבּוֹ, בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה, וְרוֹאֶה פְּחִיתוּתָיו וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא, כִּי עַד עַכְשָׁו הִשְׁלִיךְ חַטֹּאתָיו אַחַר כְּתֵפָיו וְלֹא עִיֵּן בָּהֶם, וְעַכְשָׁו כְּשֶׁיּוֹדֵעַ אוֹתָם, אֲזַי נִכְנָס בּוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו, כְּנֶגֶד רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין, וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת עֲדַיִן אֵינֶנָּה בְּפֹעַל, הַיְנוּ שֶׁהַבּוּשָׁה הוּא בִּפְנִימִיּוּת, וְאֵין מִתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ס״ט): ״כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנַי״ ... אֲבָל אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, וּמֵסִיר מִמֶּנּוּ הַטִּפְּשׁוּת, וְנִתּוֹסֵף בּוֹ שִׂכְלוֹ, אֲזַי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ בְּיוֹתֵר, וְנִתְגַּלֶּה הַבּוּשָׁה עַל פָּנָיו, וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת אוֹר הַתְּפִלִּין.

ס'איז פארהאנען א בושה - זאגט דער רבי - וואס ס'איז 'בלב', אבער א בושה וואס ס'איז 'על פניו' - - א בושה 'בפנימיות' איז נאכנישט 'בפועל ממש', די בושה איז נאך פאר תשובה, דאס איז נאר בפנימיות, אבער 'אחר כך' - זאגט דער רבי - ער טוהט שוין תשובה, איז שוין דער בושה 'על פניו', נאכדעם איז שוין די בושה 'על פניו', און דאס איז דער 'אור התפילין'!

*

דער רבי האט געפרעגט רבי נתן'ען; "ווערסטו אמאל 'ריטשע רויט' פאר'ן אויבערשטן"?![לה]

"ווערסטו אמאל ריטש רויט" - דאס איז שוין א בושה 'על פניו'! "צו רעדסטו פאר'ן אויבערשטן אזעלכע דיבורים צו ווערן אזוי פארשעמט"?!

ער זאל ווערן פול מיט בושה ממש, אזוי ווי איינער שטייט - ער גיט איהם א 'פארשעהם'!

(השואל; רבי נתן'ס פנים איז געווען רויט שטענדיג?) יא יא! (רנ"ב; פון 'בושה' פון 'שמחה'!) איך האב געקענט אסאך וואס האבן געקענט רבי נתן'ען, האבן זיי געזאגט - רבי נתן האט געהאט אזא מין 'רויט פנים', די מתנגדים פלעגן זאגן אז ער טרונקט אסאך 'ברוינפן'...

רבי נתן האט דאך קיינמאל (נישט געטרונקען)![לו] - (רנ"ב; אין די בריוון שרייבט ער - איך וועל נישט ווערן שיכור פון די וואסער וואס איך טרונק...)[לז] יא יא! אונזערע וואסער!

*

# 'זכרון עלמא דאתי'

אט די 'בושה' - דעם רבי'נס זאך איז דאך געווען 'שמחה'! מען האט שוין גערעדט אמאל, ביי די שש זכירות שטייט; "זכור אל תשכח את אשר הקצפת" - דו

[לה] עי' שיש"ק ח"א אות תש"ל.

[לו] עי' ליקו"מ תניינא תו' כ"ו, ובליקוטי הלכות הל' יין נסך הלכה ד', ועי' כוכבי אור - ששון ושמחה בחידושים אות א'.

[לז] עי' עלים לתרופה, מכתב קע"א.

זאלסט נישט פארגעסן אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן! קומט דאך אוים אז דער מענטש טאר קיינמאל פארגעסן אז ער האט דערצערנט דעם אויבערשטן, און (אויך שטייט) "וחטאתי נגדי תמיד" - איז ווי קען איך זיין בשמחה?

דא זאגט דער רבי איך זאל זיין "בשמחה תמיד", און דא איז דא א מצוה פון 'שש זכירות' - מען דארף געדענקען אלע טאג! און ווי קען דאס (גיין אינאיינעם)?

האט מען דעמאלטס גערעדט, אז דאס איז נישט קיין קלייניגקייט - זוכה זיין אז ער זאל תמיד געדענקען אז איך האב דערצערנט דעם אויבערשטן! איז דורך 'שמחה' וועט מען קומען דערצו!!!

ווארן 'שמחה' איז 'זכרון' - זאגט דער רבי אין דער תורה,[לח] און 'שכחה' איז 'עצבות'! דורך 'עצבות' איז דא א 'שכחה', וועט מען בשום אופן נישט געדענקען דעם תכלית - געדענקען דעם 'עלמא דאתי'!

דורך 'עצבות' איז ער איינגעלייגט אין א 'כבידות', ער קען זיך נישט רירן, דאס איז דער פועל יוצא פון אזא מין 'עצבות'! צו טוהן עפעס א פעולה - טוהן עפעס א זאך - וועט בשום אופן נישט ווערן!

האבן א 'זכרון במח' אז ס'איז דא א 'עלמא דאתי', האבן א זכרון אז איך האב דערצערנט דעם אויבערשטן, און האבן א בושה פאר'ן אויבערשטן - דאס קען זיין נאר דורך 'שמחה'!

די אלע זאכן וואס דער וועלט מיינט אז דאס מאכט (בעצבות) - די וועלט זאגט דאך אז 'זכרון בעלמא דאתי' מאכט מרה שחורה'דיג, (אבער באמת) דאס איז - א 'שמחה' איז דאס!!!

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט אינזין דעם תכלית, דעמאלטס קען מען זיין - (להתחזק בעבודת השם בשמחה),[לט] און דאס (- לזכור מהתכלית) - קען נאר זיין דורך שמחה!

---

[לח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ד אות ו'.

[לט] עי' ליקוטי הלכות הל' פסח ט' אות ט"ו, ועוד.

אז מען פריידט זיך מיט'ן אויבערשטן, מען פריידט זיך מיט די תורה, מען פריידט זיך מיט די צדיקים - ווערט אין דער מענטש א געדאנק - א זכרון! ער געדענקט פון 'עלמא דאתי'!

דער אויבערשטער - איז דאך 'עלמא דאתי', דער צדיק איז דאך 'עלמא דאתי', דער תורה איז דאך 'עלמא דאתי', אז איך פריי זיך מיט די זאכן - בין איך דבוק אין עלמא דאתי!

יעדער תורה האט זיך איר 'רפואה', דא רעדט דער רבי אזא 'רפואה'! (רצ"ל, ממעלת הבושה לפני השי"ת).

*

# 'ארז נפל במקומינו'

(ממשיך ללמוד בליקוטי מוהר"ן אות ז)[מ] דער רבי טייטשט ווייטער אריין די גמרא אין בכורות, דער תנא האט דערציילט, "ארז נפל במקומינו" - א טענענבוים איז געפאלן דארטן אין אונזערע ערטער, און ער איז געווען אזוי גרויס די טענעבוים, אז ס'איז ארויף אויף איהם 'זעכצן וועגענער' אויפ'ן שפיץ, אויפ'ן שפיץ פונעם טענעבוים איז ארויף זעכצן וועגענער, אזוי גרויס איז געווען דער טעננבוים! אזא גמרא איז דא אין בכורות.

[מ] ז"ל שם בליקוטי מוהר"ן תו' ל"ח אות ז' השייך לעניניו; וְזֶה שֶׁסִּפֵּר הַתַּנָּא (בְּכוֹרוֹת נ"ז): אֶרֶז נָפַל בִּמְקוֹמֵנוּ, וְעָבְרוּ עָלָיו שִׁשָּׁה־עָשָׂר קְרָנוֹת עַל חֻדּוֹ. כִּי יָדוּעַ שֶׁהַצַּדִּיק שֶׁעוֹבֵד אֶת ה' בִּדְבֵקוּת גָּדוֹל וּבְשֵׂכֶל גָּדוֹל, כְּשֶׁנּוֹפֵל לְאֵיזֶה מַדְרֵגָה פְּחוּתָה מִמֶּנָּה, אַף־עַל־פִּי שֶׁזֹּאת הַמַּדְרֵגָה שֶׁהוּא עַכְשָׁו בָּהּ, גַּם הִיא מַדְרֵגָה גְּדוֹלָה לְעֵרֶךְ שְׁאָר הַצַּדִּיקִים, אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁלְּפִי עֶרְכּוֹ הֲוֵי לֵהּ נְפִילָה, הוּא מִתְבַּיֵּשׁ בְּזֶה הַמַּדְרֵגָה כְּאִלּוּ חָטָא אֵיזֶה חֵטְא, וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל־זֶה כְּאִלּוּ חָטָא, וּבָא עַל־יְדֵי־זֶה לְבוּשָׁה גְּדוֹלָה ... וְהַלּוּחוֹת הֵם שֹׁרֶשׁ הַתּוֹרָה, וְנִקְרָאִים י"ו, עַל־שֵׁם עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, וְאָרְכָּן וָאו וְרָחְבָּן וָאו (בָּבָא בַּתְרָא י"ד), וְהַצַּדִּיק נִקְרָא 'אֶרֶז' בַּלְּבָנוֹן.

וְזֶה שֶׁסִּפֵּר הַתַּנָּא בְּשִׁבְחוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק, שֶׁהָיָה צַדִּיק בְּדוֹרוֹ, 'וְנָפַל בִּמְקוֹמֵנוּ', כִּי בְּוַדַּאי מַדְרֵגַת הַתַּנָּא הָיְתָה גַּם כֵּן גְּדוֹלָה, אֲבָל לְפִי עֵרֶךְ הַצַּדִּיק הָיְתָה נְפִילָה, 'וְעָבְרוּ', לְשׁוֹן הִתְגַּלּוּת כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ב): "וְעָבַר ה' לִנְגֹּף אֶת מִצְרַיִם", וְתִרְגֵּם אֻנְקְלוֹס: וְאִתְגְּלִי. 'י"ו קְרָנוֹת עַל חֻדּוֹ', הַיְנוּ עַל־יְדֵי חִדּוּד שִׂכְלוֹ, וְחִדּוּשׁ שִׂכְלוֹ, שֶׁקִּבֵּל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁנִּקְרָא י"ו כַּנַּ"ל, נִתְגַּלֶּה קֶרֶן עוֹר הַפָּנִים, הַיְנוּ בּוּשָׁה ... וְזֶה פֵּרוּשׁ 'נָפַל בִּמְקוֹמֵנוּ' שֶׁנָּפַל לְהַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת לְפִי הַשָּׂגָתֵנוּ. הֲגַם שֶׁגַּם הַשָּׂגָתֵנוּ גְּדוֹלָה, אֲבָל לְפִי עֶרְכּוֹ הֲוֵי לֵהּ נְפִילָה, שֶׁשָּׁב בִּתְשׁוּבָה, וּמִתְבַּיֵּשׁ בְּהַשָּׂגָתֵנוּ.

טייטש דער רבי אזוי, 'ארז' - מיינט מען דעם 'צדיק', דער צדיק איז גלייך צו א 'ארז', "צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה"! 'ארז נפל' - דער צדיק האט געהאט א נפילה - 'במקומינו'!

זאגט דער רבי - דער תנא פארציילט אונז דער מעלה פון דעם צדיק, אין יעדע דור איז געווען א 'צדיק הדור', אפילו אין די צייטן פון די תנאים איז אויך געווען א 'צדיק הדור', דער תנא דערציילט דער מעלה פונעם צדיק, אז ער - דער צדיק - איז געפאלן 'במקומינו' - דאס איז 'אויף אונזער ארט', מיר שטייען דערביי, אבער ביי איהם הייסט עס א 'נפילה'! 'במקומינו', אדרבה ביי אונז איז עס גאר - אונז האלטן דערביי! אבער ביי איהם הייסט עס א נפילה!

זאגט דער רבי; "כי ידוע שהצדיק שעובד את השם בדביקות גדול ובשכל גדול", אז ער פאלט אין עפעס א "מדריגה פחותה ממנה", כאטש די מדריגה וואס ער איז איצטער - דאס איז א גרויסע מדריגה "לערך שאר צדיקים", אבער ווייל מחמת ביי איהם 'לפי ערכו' איז דאך עס א 'נפילה', שעהמט ער זיך דערמיט - גלייך "כאילו חטא איזה חטא"! און ער טוהט תשובה 'כאילו חטא'!

דערציילט דער תנא דער מעלה פונעם צדיק, 'ארז נפל' - א צדיק איז געפאלן, ביי איהם הייסט עס א 'נפילה', 'במקומינו' - דאס איז אויף אונזער ארט!

"ועברו עליו י"ו קרנות", זאגט דער רבי; י"ו - איז דער 'תורה', "ארכן ואו ורחבן ואו", און "עשרת הדברות", און 'קרנות' דאס איז די 'התגלות הבושה', 'קרון עור פניו', איז נתגלה געווארן - דורך די 'בושה' איז נתגלה געווארן י"ו קרנות! (- עד כאן תוכן הלשון בלקו"מ אות ז').

*

# 'שלא יטעה אותו העולם'

אזעלכע זאכן פונעם רבי'ן איז דא - וואס דער רבי האט געזאגט; "איר זאלט זיך נישט לאזן נאר'ן"![מא] מען זאל וויסן ווי האלט מען דעם חשבון! א מענטש דארף

[מא] ז"ל בשיחות הר"ן אות נ"א: אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אוֹתוֹ הָעוֹלָם.

תמיד וויסן ווי האלט ער מיט דעם חשבון, נישט לאזן זיך נאר'ן, נישט זיין קיין "מבקש שכר כפנחס - ועושה מעשה זמרי"![מב]

דאס דארף ער וויסן תמיד - וואו האלט ער אין חשבון?! א געדאנק פון א טעות - טויג נישט!

נאר וואס דען? ער דארף זיך שטארקן אין 'שמחה'! אז ער זאל קענען פירן א חשבון[מג] - דער עיקר איז דאך אז 'במח' זאל ער וויסן 'וואו איך בין' און 'וואו איך האלט', און דערפון קען דער אויבערשטער העלפן אז ער זאל קומען צו א 'בושה', ער זאל זיך שעמען פאר'ן אויבערשטן, ער זאל זיך שעמען!

*

מען האט פריער געערדט פונעם זוהר, וואס דער זוהר ברענגט[מד] - דאכט זיך אז אין בשלח, רעדט זיך דער זוהר - אז דער מלך ווייזט אמאל א 'סבר פנים' פאר זיינע שרים, און זיי פארגעסן זיך! אבער דער גרויסער שר ווייסט אז 'מלך הוא' - ער איז א מלך! ער פאלגט דעם מלך! ער ווייזט טאקע א 'סבר פנים' פאר אונז - אבער 'מלך הוא'!

דאס איז אויך דאס אייגענע, א מענטש קען אמאל - ער דאווענט, ער לערנט, זאלסטו וויסן 'מלך הוא'! מלך הוא - דו זאלסט האבן 'בושה'!

דו זאלסט נישט זאגן - דעם פגם פון קרח'ן; "כולם קדושים - ומדוע תתנשאו על קהל השם"! דאס איז אויך א סכנה - אז ער דאווענט און לערנט, קען ער זיין אין א סכנה צו ווערן "כולם קדושים ומדוע תתנשאו" - "פארוואס האלטסטו זיך גרעסער? וואס ביסטו מער? איך שטיי אויך אויף חצות! איך האב אויך התבודדות! וואס ביסטו מערער פון מיר"?!...[מה]

---

[מב] עי' ליקוטי הלכות הל' נותן טעם לפגם ב'.

[מג] עי' ליקו"מ תניינא תו' י'; מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם 'יִשּׁוּב הַדַּעַת' ... אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ.

[מד] עי' זוה"ק ח"ב פרשת בשלח דף נ"ב ע"א.

[מה] עי' ליקוטי הלכות, הל' שילוח הקן ד' אות ט'.

*

מיר האבן ברוך השם די עצות פונעם רבי'ן! זייער גוטע עצות! זייער גוטע רפואות! אבער מען דארף האבן דער ענין פון 'התבודדות'!!!

א חוץ וואס מען בעהט אוים דעם אויבערשטן דארטן אז מען זאל ווערן בעסער - איז דאס (עצם יישוב הדעת) א געוואלדיגע זאך! א מענטש זאל זיך נישט לאזן נאר'ן, וויסן 'וואו' און 'ווער בין איך', 'ביי וואס האלט איך'?!

אז ער רעדט זיך אוים צו השם יתברך, מוז ער דאך פירן א חשבון; 'וואו איז ער', 'ביי וואס איז ער', "ווי קען איך זיך לאזן נאר'ן"?! אז איך לאז זיך נאר'ן - איז עס דאך אינגאנצן דער היפך פון 'בושה', אז איך לאז זיך נאר'ן גאר - ווי קען איך האבן א ריח פון בושה, אז איך מיין, איך מיין, איך מיין - - (אז איך בין שוין מושלם)?!

עס שטייט - דער 'דגל'[מ] ברענגט עס אראפ - עס שטייט אין נאך ערטער, ברענגט ער - אז ער איז געווען א קינד, ס'איז געווען פרייטאג צונאכט'ס, האט איהם דער זיידע געהאלטן על חיקו, דער בעל שם הקדוש האט איהם געהאלטן - דער דגל איז דאך געווען זיינם אן איניקל, אדל'עס א זוהן, ער איז געווען עלטער פון רבי ברוך'ל, זי האט געהאט צוויי זוהן מיט א טאכטער.

**האט דער זיידע אזוי געזאגט; "ס'איז דא איינער וואס ער הערט תורה בכל יום, לא מפי מלאך, ולא מפי שרף, אלא מפי קודשא בריך הוא בעצמו! און ער איז תמיד אין א סכנה, ער זאל נישט ארייגפאלן אין נוקבא דתהומא רבה"!**

דער דגל ברענגט עס אראפ - און נאך ערטער - פונעם בעל שם הק'! דער בעל שם האט איהם געהאלטן על חיקו, האט ער געהערט פונעם זיידע'ן די ווערטער, "איינער וואס הערט תורה לא מפי מלאך, ולא מפי שרף, אלא מפי קודשא בריך

[מ] שם בסוף הספר בליקוטים, וז"ל; עוד פעם אחת שמעתי ממנו בליל שבת, שאמר אלי בתוך אשר ביאר פסוק 'מי יעלה לנו השמימה', וחיבק ונישק אותי ואמר שהם ראשי תיבות מיל"ה וסופי תיבות הוי"ה. ואמר בזה הלשון; **דא שווער איך אייך, שיש איש בעולם ששומע תורה מפי קודשא בריך הוא ושכינתיה לא מפי מלאך ולא מפי וכו', ואינו מאמין עצמו שלא ידחה מאת הקב"ה ח"ו, כי בקל יכול לדחות לנוקבא דתהומא רבה**, וסמך על פסוק (שם פסוק י"ג) לא בשמים הוא ולא מעבר לים, ה' יקרב אותנו בימין צדקו, עכ"ל.

הוא בעצמו, און ער איז אין א סכנה, ער זאל נישט אריינפאלן אין נוקבא דתהומא רבה"!

דאס איז א הויכע סארט אופן, פונדעסוועגן אבער - עפעס א דיבור איז עס פאר אונז אויך!

א מענטש אז דער אויבערשטער העלפט איהם דארטן, אז ער איז אביסל מקיים די עצות, ער מאכט אביסל התבודדות, ער שטייט אויף האלבן נאכט, ער לערנט אביסל, - איז ער אין א געוואלדיגע סכנה אז ער זאל פארגעסן "ווי האלט איך דעם חשבון"?! "ווי האלט איך דעם חשבון"?!

דאס איז צוויי זאכן; "דא כאפ איך ארוים גוט'ס", און - "וויסן וואו האלט איך אין חשבון"!!! ווי בין איך?! ווי בין איך?!

איך קען אמאל זיך אפ'נאר'ן, איך זאל מיינען - - דער סימן איז; ער הייבט שוין אן צו רעדן העכער, ער הייבט שוין אן צו זאגן דיעות, ער הייבט שוין אן מיט'ן דיבור! דער דיבור איז (- דארף זיין) 'הכנעה' (כנ"ל בתו' ל"ח).

*

# 'אל תאמין בעצמך'

(השואל; דער רבי האט געזאגט צו 'משה חינקעס'; "אל תאמין בעצמך". אז ס'איז געווען - דער רבי האט געהאט א חזיון אז ס'וועט בלייבן נאר 'פינף מענטשן',[מז] און משה האט געזאגט דעם רבי'ן; "איך וועל אויך זיין דארטן צווישן זיי", האט איהם דער רבי געזאגט; "אל תאמין בעצמך" - -) יא יא! ער איז געווען א 'כלי' פריער, ער איז געווען א 'כלי'! רבי נתן ברענגט טאקע אין די מכתבים "משה המהופך לשַמָה",[מח] ער איז געווען א 'בן הרב',[מט] ער איז געווען א 'כלי', 'משה המהופך לשמה'!

---

[מז] עי' חיי מוהר"ן אות צ"א.

[מח] עי' עלים לתרופה מכתב קפ"ב, ועוד.

[מט] 'משה בהרב' - כך מכונה במכתבי רביז"ל, עי' ריש עלים לתרופה מכתב א' וב'.

(השואל; ער איז געווען א שטארקע מקורב פריער?) יא! ער איז געווען א 'בן הרב', און ער איז געווען פון די דריי גבירים וואס האבן דעם רבי'ן תומך געווען![נ]

(רנ"ב; משה העניא'ס איז דאך אויך געווען איינער פון זיי),[נא] אבער ער איז נישט אראפ. (רנ"ב; משה העניא'ס וואס דער רבי ברענגט איהם אין בריוו, דאס איז געווען משה העניא?) יא, דאס איז געווען שוין אנדערש. (השואל; ער איז געווען פון די דריי גבירים?) יא יא, פון די דריי גבירים! (השואל; און "אברהם'לע פייעס"[נב] איז אויך געווען?) ניין, איינער 'מרדכי ראטנהייז'! - די "ביידע משה'ס" (משה חינקעס ומשה העניע'ס) און דער "מרדכי"!

'ראטנהייז' איז זיין פאמילע געווען, ער האט געהאט א מין 'איינפאר' (- אכסניא).

*

ס'איז געווען אמאל א פורים, ס'איז געקומען חיה'לע - דעם רבי'נס טאכטער, מיט 'נחמן', נחמן איז געווען א קליין אינגעלע - ר' נחמן חיה'לעס, און איז איינגעשטאנען ביי מרדכי'נען, ווייל ער האט געהאט א 'איינפאר' - ער האט געהאט דארט אזא מין אכסניא אין ברסלב, זי איז איינגעשטאנען ביי איהם, ער איז געווען פון די גבירים.

האט מען געזאגט רבי נתן'ען, אז "חיה איז דא מיט נחמנ'יע, און שטייט איין ביי מרדכי'נען"! האט רבי נתן געזאגט; "אזוי איז, פורים שטייט איין נחמן ביי מרדכי"! "פורים שטייט איין נחמן ביי מרדכי'ן"! דער רבי שטייט ביי 'מרדכי הצדיק'!

ס'קומט - יעדע יום טוב שטייט דער רבי דארטן איין ביי דעם יום טוב![נג] אז ס'קומט 'פסח' איז דער רבי דארטן ביים 'פסח'! (רנ"ב; אלע ימים טובים האט ער דאכט זיך אויסגערעכנט די מאל?!) יא, ער האט אויסגערעכנט אלע ימים טובים! אז ס'קומט 'פסח' איז דער רבי דארטן, ס'קומט 'פורים' - שטייט נחמן איין ביי מרדכי!

---

[נ] עי' שיש"ק ח"ד אות ?

[נא] מוזכר במכתבי רביז"ל (ריש עלים לתרופה מכתב א' וב') בשם 'שותפי וידידי מו"ה משה בן העניא'.

[נב] ראה אודותיו בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות מ"ג (ב').

[נג] עי' תו' קל"ה; עִקַּר כֹּחַ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הוּא תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים וכו', עיי"ש.

רבי נתן האט זיך אנדערש צוגעהערט זיך! (אז ער האט געהערט) "חיה'לקע איז געקומען מיט א אינגעלע נחמן'ל, ער איז נאך געווען א אינגעלע - נחמן חיה'לעם - און שטייט איין ביי מרדכי", האט ער געזאגט; "אזוי איז - פורים שטייט איין נחמן ביי מרדכי"!!!

(השואל; ל"ג בעומר האט דער רבי אויך געזאגט, "מען טאנצט דארטן, און רבי שמעון איז דא"?) - "קער גאר זיין דא"! יא יא, "קער זיין דא"! (רצ"ל 'ראוי להיות כאן').[נד]

*

# 'רעה תחת טובה'

(השואל; איז ער געווען א שטארקע מקורב 'משה חינקעס'?!) ער איז געווען א מקורב, אבער ס'איז א גרויסע סכנה, א גרויסע סכנה! א מקורב - און ער האט זוכה געווען צו נעמען דעם רבי'נס א קינד (- נכד רבינו) פאר אן איידעם! ער איז געווען א געוואלדיגער 'הון יקר' - דער 'רבי אברהם בערניו'![נה] (רנ"ב; רבי נתן שרייבט, ער האט אנגעווארן א 'הון יקר' -) יא, א 'הון יקר'! אפילו די מתנגדים האבן גערעדט אויף איהם נאכ'ן גט, פארוואס ער האט אזא 'הון יקר' (אפגעלאזט)![נו]

אזוי זיין אין א סכנה אין דער וועלט! ס'איז אזא מין סכנה!

ער (- משה חינקעס) האט גענומען דארטן זיין זיווג שני, זי איז געווען דער טאָמאַשפיל'ער רב'ס א שוועסטער, 'טאמאשפיל' - ס'איז דא א שטאט 'טאמאשפיל', דארטן איז ער געווען רב, און ער איז געווען א חסיד ביים דעם סאווראנ'ער.

האט ער (- משה חינקעס) גענומען זיינער א שוועסטער, ס'איז פארהאן א גרויסע יחוס - טאמאשפיל'ער רב'ס א שוועסטער גענומען!

נו, און פון וואנעט האט ער אינגאנצן גענומען (- לזכות לבנים)? פון זיווג ראשון האט ער נישט געהאט קיין קינדער, האט רבי נתן געזאגט; איך האב געהערט

---

[נד] עי' שיש"ק ח"ב אות רט"ז, (ועי' גם חיי מוהר"ן אות קפ"ט, ענין ועכשיו יש נחל נובע מקור חכמה וכו').

[נה] בנו של מרת אדל בת רביז"ל, מקורב למוהרנ"ת ז"ל ומגדולי תומכיו, מוזכר הרבה במכתבי עלים לתרופה.

[נו] עי' בעלים לתרופה מכתבי מוהרנ"ת ז"ל מכתב רט"ז.

פונעם רבי'ן - אז דער רבי האט געזאגט - "אז משה וועט זיך גט'ן און חתונה האבן וועט ער האבן קינדער"! נו, און אזוי האט רבי נתן איבערגעגעבן משה'ן, און משה האט אזוי געטוהן!

זי (- הזיווג ראשון) האט נישט געוואלט נעמען קיין גט, האט ער איר אוועקגעגעבן האלב פארמעגן, ער איז א גרויסע גביר געווען!

און ער האט חתונה געהאט (בזיווג שני), און ער האט געהאט קינדער! האט ער געקענט נעמען דעם רבי'נס קינד (רצ"ל 'נכד') פאר אן איידעם!

*

טאקע ס'איז געווען ביים אנהויב מחלוקת דארטן - ס'איז נאכנישט געווען גרויסע מחלוקת, אבער רבי נתן האט געזעהן וואס דא קאכט זיך, ס'איז געווען שמחת תורה, האט רבי נחמן טולטשינ'ער געזאגט צו רבי נתן'ען אז 'משה גייט' - משה גייט צו רבי נתן'ען! האט רבי נתן איהם געזאגט; "גיי ארויס, דו זאלסט נישט זיין דא"! "גיי ארויס, דו זאלסט נישט זיין דא", "גיי ארויס דו זאלסט נישט זיין"!

איז ער (משה חינקעס) אריינגעקומען אין די סוכה צו רבי נתן'ען! נאר רבי נחמן טולטשינער האט דאך פארט געוואלט (הערן וואס זיי רעדן), האט ער זיך פאר'גנב'ט דארטן אויבן ביים סכך - געמאכט דארטן א לעכעלע, און איינגעבויגן דעם קאפ ער זאל הערן וואס זיי רעדן!

האט רבי נתן געזאגט צו משה'ן; "דו זאלסט זיך אפ'נאר'ן?! דורך וועמען האסטו קינדער? נישט דורך מיר?! איך האב דיר געזאגט - אז אזוי האב איך געהערט פונעם רבי'ן! זאלסטו זיך לאזן אפ'נאר'ן זיך?! און דו זאלסט זיך אזוי לאזן זיך - אז איך בין דיר א שונא?"! (רנ"ב; מיט די צוואה?) יא יא![נג]

(אמר משה חינקעס) "איך האב חרטה"! און ער האט געשיקט באלד נאך וויין (למוהרנ"ת לכבוד יום טוב)! ער האט געטרונקען וויין!

נו, ער איז ארויס אינדרויסן, איז ווידער געווארן אזוי (שוב התגבר המחלוקת) -

[נג] רצ"ל כי זוגתו של משה חינקעס, ואחיה הרב מטאמאשפיל, הסיתו אותו נגד מוהרנ"ת, ורצו להוכיח לו מעובדא שפעם הורה לו מוהרנ"ת למשה חינקעס לכתוב צוואה ולחלק נכסיו בחיים חיותו, כדי למנוע מחלוקת אחר מיתתו, ובתוך הדברים ביקש אז ממנו שיפריש גם איזה סכום לצדקה לצורך ה'קלויז' של אנשי שלומינו. והם הסיתו אותו כי כל כוונת מוהרנ"ת הוא לתועלת עצמו בלבד ח"ו.

*

# 'ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה'

ס'איז א געוואלדיגע סכנה, א געוואלדיגע סכנה! ער האט געקענט דעם רבי'ן, און ער האט געוואוסט ווער 'דער רבי' איז - און ער האט געוואוסט ווער 'רבי נתן' איז! דער רבי האט דאך אזוי מכבד געווען רבי נתן'ען!

ס'איז דא א רש"י אין סוף בהעלותך,[נח] דער אויבערשטער זאגט דארטן צו 'אהרן' מיט 'מרים'; "ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה"?! זאגט רש"י אזוי דארטן; "מסתמא אז איך האב איהם אזוי ליב - איך האלט אזוי פון איהם, מסתמא איז ער דאך עפעס! אפשר וועט איר זאגן - אז איך וויים נישט ווער ער איז?! דאס איז נאך ערגער פון פריער! 'זו קשה מן הראשונה' - דאס איז נאך ערגער פון אלעם"!

אז דער רבי האט אזוי געהאלטן פון ר' נתן'ען, האט ער דאך געוואוסט ווער ער איז! זיי האבן דאך אלע געזעהן ווי דער רבי האלט - ווי ער איז ביים רבי'ן אזוי חשוב!

(רנ"ב; דאס איז 'לשון הרע', מען האט איהם אריינגערעדט לשון הרע!) יא, זי זי! 'אשתו של קרח', (דער מדרש זאגט)[נט] "חכמות נשים בנתה ביתה" - 'זו אשתו של און בן פלת', "ואולת בידיה תהרסנה" - 'זו אשתו של קרח'! דאס איז דאס!

*

(שואלים אותו בענין המעשה של הברית מילה, שממנה התחיל המחלוקת) - דו מיינסט די 'פריעה'?! דאס איז געווען מיט "אברהם'ל פייעס".

אברהם'ל פייעס איז געווען א בארימטע מוהל, ס'איז געווען אין ברסלב, ס'איז איהם געבוירן געווארן א קינד (למשה חינקעס), שוין ביי זיין זיווג שני - ביי דעם טאמאשפיל'ער רב'ס א שוועסטער.

דער טאמאשפיל'ער רב איז געקומען - ביי משה'ס קינד, און דער טאמאשפילער רב איז געווען דער 'מוהל', און ער האט אנגעהויבן מל'ען צו זיין, ער האט געמאכט

---

[נח] במדבר י"ב ח', ד"ה 'בעבדי במשה'.

[נט] עי' ילקוט שמעוני משלי י"ד - תתקי"ן.

'חיתוך', און קען בשום אופן נישט מאכן קיין 'פריעה'! און דאס קינד רייסט זיך, ממש געוועו א ציטער, דער קינד - ער האט אוועקגעגעבן א פארמעג (לזכות לבנים), און דער משה איז בלאס, און ער קען נישט (מאכן פריעה)!

איז צוגעגאנגען אברהם'ל פייעס, און געמאכט דער 'פריעה' אין איין רגע, און שוין! געמאכט דער פריעה - פארטיג און שוין! ממילא האט ער איהם א שטופ געגעבן (אברהמ'ל פייעס דחף את הרב מ'טאמאשפיל, מתוך מהירתו לעשות הפריעה), בשעת מעשה איז געווען זייער גוט און פיין, אבער נאכדעם איז געווארן א פייער, (רנ"ב: א 'טינא בלב' האט ער געהאט -), יא.

(השואל: רבי מאיר טעפליקער איז אויך געווען א מוהל?) יא, אבער דאס איז נישט געווען דעמאלטס, ווי קומט ער דעמאלטס קיין ברסלב?! ער איז געווען אין טעפליק. "אברהם'ל פייעס" איז דאס געוועו!

ער איז געווען א בארימטע מוהל, א גביר, האט ער אין זיך א שטארקייט - א גביר האט אין זיך א שטארקייט, ער האט נישט געקענט פארליידן דאס רחמנות פון משה, א געצערטעלט'ער קינד געווען, ער זעהט אז דאס קינד גייט אויס, און ער (הרב הנ"ל) קען נישט מאכן די פריעה בשום אופן, גייט ער צו - און מאכט די פריעה 'איינס צוויי'!

*

## 'מעשיו מרובין מחכמתו'

היוצא לנו, מ'איז אין א גרויסע סכנה (- שלא ליפול מההתקרבות)! נאר וואס דען? מיט'ן כח פונעם רבי'ן! וואס דער רבי האט מזהיר געווען זייער אויף 'שמחה', און אזעלכע הייליגע עצות וואס מען האט פון רבי!

אה, יעדע דיבור פון רבי'ן דארף מען אריינגעמען אין 'תפילה'! אז נישט - קען היינן "חכמתו מרובין ממעשיו"[ס] פונעם רבי'נס זאך!

[ס] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה' אות כ"א, ועי' גם שיש"ק ח"ד אות כ"ט.

אז מען לערנט א זאך - מען רעדט דיבורים פון רבי'ן איז אויך אזוי ווי א לימוד - דארף מען מאכן דערפון א תפילה! בעטן דעם אויבערשטן; "רבונו של עולם, דו זאגסט אונז - 'האבן בושה', 'בושה', געוואלד, געוואלד, ווי קומט מען דערצו"?!

'רעדן'! 'מאכן דערפון א תפילה'! און - אפהיטן דעם דיבור, 'תיקון הדיבור', 'מעלה זיין דעם דיבור'! ס'איז דא וואס צו טוהן - -!

אמאל אז מען האט נישט וואס צו רעדן, מען וויל האבן התבודדות - און ער האט נישט וואס צו רעדן, נעמט ער א תורה - ער הייבט אָן רעדן פון דער תורה! האט ער שוין דיבורים - האט ער שוין דיבורים צו רעדן! אזא תורה - איז שוין דא וואס צו רעדן, געוואלד - איז שוין דא![סא]

(רנ"ב; דאכט זיך אונזערע לייט פלעגן נעמען א 'ליקוטי תפילות', מען קוקט א תפילה וואס רבי נתן רעדט דארטן, "אז דאס רעדט רבי נתן אויף זיך - וואס זאל איך שוין זאגן"?!)[סב] יא, יא!

אבער א 'תורה' אויך! מען נעמט א תורה אין ליקוטי מוהר"ן, מען הייבט אָן רעדן - פון דער תורה איז דא וואס צו רעדן! איז שוין דא וואס צו רעדן!

*

(השואל; רבי נתן האט געזאגט - "א גרויער בארד און נישט קיין מתנגד", אדער - "א ווייסער בארד און נאך א ברסלב'ער חסיד"? ביי די געדרוקטע שטייט "א ווייסער בארד און נאך א ברסלב'ער חסיד"),[סג] יא, יא! "א ווייסער בארד און נאך א ברסלב'ער חסיד"! - איך האב געהערט אז ער האט אזוי געזאגט! "(א ווייסער בארד און) איך האב נאך בדעה צו זיין א ברסלב'ער חסיד"! איך האב נאך 'בדעה' - 'איך וויל'! (רנ"ב; נישט "איך בין".

---

[סא] עי' ליקוטי הלכות שם, הל' ראש חודש ה' אות ט"ז, כ"ב, וכ"ג. ועי' גם בהקדמת ליקוטי תפלות; וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לַעֲסֹק בָּזֶה, לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּוַדַּאי יוּכַל תָּמִיד לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ עַל יְדֵי כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה.

[סב] ז"ל מוהרנ"ת בהקדמה לליקוטי תפלות; עַל כֵּן שַׂמְתִּי אֶל לִבִּי לְהַעְתִּיק מֵהַתְּפִלּוֹת שֶׁרְשַׁמְתִּי לְעַצְמִי, כַּאֲשֶׁר פָּקַד עָלַי רַבֵּנוּ ז"ל, שֶׁטּוֹב לִכְתּוֹב לְעַצְמוֹ הַתְּפִלּוֹת כְּשֶׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה תְּפִלָּה סְדוּרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְאָמְרָהּ גַּם בְּפַעַם אַחֵר ... וְהֵם דְּבָרִים הַצְּרִיכִים לְכָל נֶפֶשׁ. (סיפר ר' ישראל בער אודעסער בשם ר' נפתלי כהן - חותנו של ר' אברהם ר' נחמנ'ס - שאמר לו פעם בזה"ל; אז דו וועסט זאגן אסאך ליקוטי תפלות וועסטו קענען האבן התבודדות! ווארן דער ליקוטי תפלות איז א 'שיעור' אויף התבודדות - ס'איז א לימוד וויאזוי צו האבן התבודדות!).

[סג] עי' אבני"ה ברזל אות ל"ג ואות מ"ה.

אין שיחות וסיפורים פון ר' אברהם ר' נחמנ'ס, איז ממש זיין לשון, שטייט אז ר' נתן האט געזאגט צו 'שואל'; "שואל, דו ביסט אראפגעפאלן וכו' איך האב נאך בדעה" וכו' - שטייט טאקע דעם לשון)!

*

# 'ואתן אדם תחתיך'

(השואל; וואס איז געווען די מעשה מיט "ר' נתן אפטייקער" וואס רבי נתן ברענגט אין די בריוו? פרייטאג צונאכטס איז געווען רוצחים, מען האט אויס'גע'הרג'ט איהם מיט די ווייב מיט די קינדער?)[סד] נו, נו. (השואל; ווייל אין אבני"ה ברזל שטייט 'ואתן אדם תחתיך'?)[סה] יא! (השואל; ס'איז טאקע געווען דאס? טאקע מיט דעם ר' נתן אפטייקער?!) איך וויים נישט צו מען דארף רעדן, זאל ער שוין האבן א תיקון!

אונזערע לייט פלעגן נישט וועלן רעדן אסאך פון משה'ן אויך, מען פלעגט נישט רעדן אסאך פון משה'ן!

ווייל דער משה - אין דער טאג וואס ער איז געשטארבן - ס'איז א לויה געווען אין שטאט, א גרויסע לויה, א גביר! האט רבי נתן נישט געוואוסט וואס זאל ער טוהן - צו זאל ער גיין צו די לויה? ער האט דאך פארט אזוי פיל מבזה געווען דעם רבי'ן! זאל ער נישט גיין? ער איז דאך פארט געווען ביים רבי'ן! - איז ער אוועקגעפארן פון שטאט! ער איז נישט געווען אין שטאט, ער איז אוועקגעפארן דעם טאג - אוועקגעפארן פון ברסלב!

זאגט ער (רבי נתן); "איך האב נישט געקענט ביי זיך פועל'ן - זיין אין שטאט און נישט זיין ביי די לויה"! האט ער נישט געקענט ביי זיך פועל'ן!

(השואל; אין די גאנצע שטאט איז געווען א רעש?) יא, א גביר! זיי האבן נישט געזאגט וואס דא איז געווען,[סו] זיי האבן נישט געזאגט דאס דאזיגע, זיי (- אנשי העיר) האבן

---

[סד] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב קס"ו.

[סה] עי' כוכבי אור - סיפורים נפלאים מרביז"ל.

[סו] שנפל מת בפתע פתאום באמצע מסירתו את מוהרנ"ת לפני מושל העיר, עי' כל זה באריכות בס' עלים לתרופה, אחר מכתב ק"ס, בדברי המעתיק.

געזעהן א מענטש אוועקגיין געזונטערהייט, און פאלט און שטארבט, און שוין! וואס דא האט זיך געטוהן האבן זיי דאך נישט געזאגט!

אבער רבי נתן האט דאך אלס געוואוסט פון רבי'ן, אז דא איז אלעס געווען אן עונש פאר'ן רבינ'ס זאך! האט ער געזאגט; "איך האב נישט געוואוסט וואס איך זאל טוהן", איז ער אוועקגעפארן פון שטאט, ער איז נישט געווען אין דעם טאג!

*

# 'ברית כרותה ללשון הרע'

(השואל; ס'איז געדרוקט אין אבני"ה ברזל אז משה חינקעס האט געוואלט פארקויפן אלע צדקות וואס ער האט געגעבן דעם רבי'ן)[סז] יא, יא, האט רבי נתן געזאגט "ס'וועט איהם נישט העלפן"! ס'וועט איהם נישט העלפן. (השואל; ר' נתן האט געזאגט "דער רבי איז א בעל כח גדול") - ס'וועט איהם נישט העלפן! (השואל; וואס הייסט "ס'וועט איהם נישט העלפן"?) איך ווייס נישט, שוין!

מען האט שוין אמאל גערעדט דערפון אויך, דער עיקר איז - דער אויבערשטער זאל אונז אפהיטן פון אזעלכע זאכן - האבן חלילה חרטה אויף דאס (די צדקות)! נאר וואס דען? דאס זעהט מען - אז מען איז אין א געוואלדיגע סכנה! אין דעם עולם איז מען אין א געוואלדיגע סכנה, א געוואלדיגע סכנה!

מען קען זיין אזויביים רבי'ן, און אזויפיל זאכן זעהן פונעם רבי'ן, און אזויפיל געלט איבערגעבן דעם רבי'ן, און נאכדעם זיך אזויפיל אויסגליטשן זיך! אזויפיל אויסגליטשן, ממש אזוי ווי 'קרח', אזויפיל אויסגליטשן זיך, אזויפיל מבזה זיין!

(השואל; ער האט מבזה געווען דעם רבי'ן לאחר הסתלקותו? אדער נאר רבי נתן'ען?!) אז ער האט גענומען דעם רבי'נס א קינד (- אייניקל) און אפ'גט'ן! דער גט איז געווען אין סאווראן, און אדל'ע איז געווען ביים גט - אדל'ע (בת רביז"ל, אמו של ר' אברהם בער'ניו), און אזוי מיאוס גע'גט, אז מען האט אפילו דעם טלית צוגענומען פון איהם. ווי הערט זיך דאס אין דער וועלט אז מען זאל צונעמען ביי א יונגערמאן א טלית?!!!

- - -

[סז] אבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות י"א, ועי' שיש"ק ח"ב אות תשס"ג.

אין סאווראן איז געווען דער גט, און אדל'ע איז געווען ביים גט, און אז זי האט געהערט דעם פסק וואס מען האט ארויסגעגעבן די פסק, איז זי אריין צום בית דין- "אַדאָם איז דער אמת"?!- - -

(השואל; ווען האט ער אנגעהויבן ווערן א מתנגד?) א מתנגד האט ער אנגעהויבן ווערן אין די צדיק'ן- צ"ב, צ"ג! (השואל; עס שטייט צ"ה?!)[סח] דעמאלטס איז שוין ארוים בפועל ממש! (השואל; וואס איז דעמאלטס געווען?) וואס איז געווען? וואס איז געווען?! ס'האט זיך אנגעהויבן! (השואל; מען האט אנגעהויבן לשון הרע'ס?) דער עיקר איז געווען, ער האט חתונה געהאט צו די שוועסטער פון טאמאשפיל'ער רב - דער עיקר האט זיך אנגעהויבן פון איהם, ער איז געווען א חסיד ביים סאווראנ'ער רב, (השואל; און פון די ברית האט זיך אנגעפאנגען די גאנצע מעשה?) נאך פריער אויך אביסל! אז ער (משה חינקעס) איז נאר געווארן א שוואגער ביים טאמאשפיל'ער רב, האט ער שוין אין איהם אריינגעקלאפט התנגדות! - - -

שוין, וואס האבן מיר צו רעדן? "פונעם חטא עץ הדעת" (- האט זיך אלעם אנגעהויבן...)![סט]

*

(השואל; דאס איז אמת אז דער שמש האט געזאגט אז דער שפאלער זיידע איז געזיצן אויף דער ערד - אחר פטירתו של רבינו, שהתחרט על שחלק עליו?!) יא, ס'איז ריכטיג! (השואל; דער שמש זיינער - ער איז געגאנגען צו רבי נתן'ען דערציילן?) ניין, ס'איז גארנישט דאס! מען פארדרייט צוויי מעשיות, דאס איז גאר אן אנדערן מעשה!

מען האט געוואסט אז דעם 'ערב יום כיפור' האט ער געהאט וידוי דברים ביי 'על חטא', ער האט געזאגט "ער האט חרטה געהאט - ער האט וידוי דברים געהאט (וואס ער האט געקריגט) אויפ'ן רבי'ן"! דער רבי איז נסתלק געווארן און ער האט חרטה! (השואל; דאס הייסט תקע"ב?) די שפעטער'דיגע יום כיפור, תקע"ב, יא!

---

[סח] עי' מכתבי מוהרנ"ת בעלים לתרופה, החל ממכתב ק"ם ולהלאה.

[סט] בעלים לתרופה, בתוך מכתב מוהרנ"ת לבנו - מכתב ק"ס, כ' בזה"ל; מִידִידֵנוּ רַבִּי נַפְתָּלִי נֵרוֹ יָאִיר הִגִּיעַנִי בַּשָּׁעָה הַזֹּאת אִגֶּרֶת מֵאוּמַאן, לְבָאֵר לוֹ הֵיטֵב עִנְיַן הַמַּחֲלֹקֶת מֵהֵיכָן נִצְמַח. וּכְבָר כָּתַבְתִּי לוֹ תֵּכֶף אַחַר יוֹם טוֹב, אַךְ עַתָּה הוּא מְבַקֵּשׁ גַּם כֵּן לְבָאֵר לוֹ הֵיטֵב, וְכָתַבְתִּי לוֹ שֶׁהַמַּחֲלֹקֶת נִצְמַח מֵחֵטְא אָדָם הָרִאשׁוֹן, וּמֵחֲטָאֵינוּ וַעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה.

(השואל; ער איז דאך אויך אוועק ע"ב?) ער איז אוועק א יאר נאכ'ן רבי'ן, דאס אנדערע יאר - נישט אין די יאר (פון רבי'ן), דאס אנדערע יאר (- רצ"ל אחר תום שנה מפטירת רביז"ל ח"י תשרי תקע"א).

(השואל; ער האט געקלאגט אין די 'שבעה'?) די 'שבעה' איז געווען א באזונדערע זאך! ערב יום כיפור האט ער געהאט 'וידוי דברים', און אין די שבעה האט ער געזאגט דארטן "אז די וועלט האט אנגעווארן א גרויסן אור"! - - -

*

# 'שלא להרבות מחלוקת בישראל'

(הנוכחים שואלים אודות החולקים על רביז"ל - ) הערט זיך איין, איך וועל אייך זאגן א ווארט; "מיר פלעגן וואס ווינציגער רעדן דערפון"!!! מען דארף גארנישט רעדן דערפון![ע]

איך געדענק רבי אברהם ר' נחמנ'ס - איך בין געווען מיט איהם עטליכע יאר, מען האט קיינמאל נישט געהערט אז ער זאל רעדן פון איהם! (השואל; פון וואנעט האט מען געהערט די אלע זאכן?) טאמער האט ער געוואלט אמאל רעדן, האט ער גערעדט אזוי זייער שטיל, פארבאהאלטן!

מען דארף נישט רעדן דערפון! מיר רעדן בעסער פונעם רבי'נס גרויסקייט! וואס וועט ארויסגיין אז מיר רעדן דערפון?! (השואל; די וועלט פארציילט מעשיות, דארף מען וויסן וואס ברסלב'ער זאגן אויף דעם, מען פאנטאזירט אויפ'ן רבי'ן אזויפיל זאכן, מען דארף וויסן כאטש אז ס'איז נישט ריכטיג?!) מיר ווייסן ס'איז נישט ריכטיג! אבער וואס איז יא ריכטיג - אז מען דארף האבן בושה פאר'ן אויבערשטן, מען דארף אפהיטן דעם דיבור, מען דארף האבן התבודדות, און לערנען תורה! - דאס דארפן מיר רעדן! שוין! וואס דארפן מיר רעדן פון יענעם?!

די אלע דיבורים - ס'רעדט זיך אזעלכע דיבורים דא ביי קליינע קינדער, וואס 'גרויסע חסידים אונזערע' האבן זיך אויסגעלעבט די יארן - און האבן דעם דיבור נישט געוואוסט! און דא ווייסן עם קליינע קינדער - דאס איז אן עוולה!

---

[ע] עי' חיי מוהר"ן אות קכ"ה.

ווייל אמאל איז געווען - דער דיבור איז געווען זייער פארבאהאלטן, מען האט נישט אלעם גערעדט! דער רבי אליין האט דאך אזוי געזאגט; "איר זאלט פארבאהאלטן דעם סוד, איר זאלט נישט מרבה זיין קיין מחלוקת"! - - -

(השואל; אין אומאן איז געווען אסאך כתב יד פון רבי'ן?) ס'איז געווען - נישט קיין סאך, אבער ס'איז געווען! דער תנאים פון זיווג שני, איז געווען דעם רבי'נס כתב, דעם רבי'נס חתימה! רבי נחמן חיה'לעס א זוהן האט עס געהאלטן! - - -

שוין, קענן וואס רעדן מיר דא - אז מען דארף אסאך פאלגן דעם רבי'ן! מען דארף פאלגן דעם רבי'ן מיט דער זאך אויך - 'נישט רעדן'!

*

נאך א זאך, פון די זאכענישן וואס ס'איז געווארן ביי אונז - אזוי א 'חשיבות' די אלע דבורים, איז ארוים אסאך שיחות - נישט קיין ריכטיגע זאכן אויך! (השואל; דארף מען מברר זיין!) דערפאר דארף מען וואס מערער רעדן פונעם רבי'נס ספר ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות, עלים לתרופה, ספר המידות! דאס איז די ריכטיגע דיבורים! דאס - און אמאל רעדט מען אויך אזא דיבור אויך! - - -

*

# 'לחם עוני'

(השואל; איר האט געהערט אז דער רבי האט זיי געזאגט - צו ר' נתן און ר' נפתלי - איר זאלט זיך אויסמאלן אזא מין סארט ארימקייט, רבי נתן וועט גיין אין די גאס, און רבי נפתלי אין אן אנדערע גאס, און מען וועט זיך טרעפן, און רעדן איינער מיטן צווייטן - "איך בין שוין געווען דא אין די גאס - אין די שטוב - בעטן עסן, יעצט גיי דו, און איך וועל גיין דארטן"?!) פונקט אויף זיי בײדע?! דער רבי האט געזאגט (בסתמא);[עא] "איך האב געוואלט, אז אזוי זאל זיין דער דרך פון אן עובד השם - אז ער ווערט הונגעריג, זאל ער אריינגיין אין א שטוב אריין, און נעמען א שטיקל ברויט, (השואל; ביי איהם אין שטוב אריין?) ניין! אין א שטוב אריין (- ביי א צווייטן אין שטוב), אין א שטוב אריין!

[עא] עי' שיחות הר"ן אות רמ"ח; אָמַר: טוֹב הָיָה לְהָאָדָם שֶׁיִּבְחַר לוֹ אֵיזֶה מָקוֹם, וְיֵשֵׁב שָׁם יוֹמָם וָלַיְלָה, וְיַעֲסֹק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וַעֲבוֹדַת ה', וּכְשֶׁצָּרִיךְ לֶאֱכֹל יָרוּץ לְתוֹךְ אֵיזֶה בַּיִת וְיִקַּח שָׁם בְּחִפָּזוֹן אֵיזֶה חֲתִיכַת לֶחֶם וְכַיּוֹצֵא לְהַעֲבִיר רַעֲבוֹנוֹ, וְאַחַר כָּךְ יַחֲזֹר לַעֲבוֹדָתוֹ.

האבן אזא מין בטחון צום אויבערשטן - אזוי זיין דבוק אינעם אויבערשטן, אז ער וועט ווערן הונגעריג זאל ער אריינגיין אין א שטוב אריין! אזא מין סארט בטחון, אזא מין סארט דביקות אין אויבערשטן!

(השואל; אבער "עס קען זיין" אז ס'איז געווען מיט ר' נתן און ר' נפתלי?!) "עס קען זיין" - האט נישט קיין שיעור...!

עס איז דא אזא מין דיבור - אז דער רבי האט אזוי געוואלט! (כנ"ל משיחות הר"ן), אבער דער דיבור - איז נישט רבי נתן מיט רבי נפתלי!

(השואל; ס'איז בכלל דא אזא דיבור - אז צוויי ברסלב'ער וועלן זיך טרעפן אין גאס און רעדן איינער מיטן צווייטן "איך בין שוין געווען אין די גאס" וכו' כנ"ל?) דער דיבור קען זיין, אבער שוין א שפעטער'דיגע דיבור!

איך האב עס געזעהן בפועל ממש! דער פון דער שטוב, און דער פון דער שטוב - שוין, אזוי איז געווען! (מרוב העניות ששרר באומאן).

רבי ישראל כהן עליו השלום, א איד א צדיק, ער איז געווען זייער א 'זריז', ער האט נאך א אנדערן אויך מזכה געווען! ער איז געגעבן א לויף אריין, ער האט שוין אויך א שטיקל ברויט, א 'טארבע ברויט', איינגעטיילט - און דינט שוין דעם אויבערשטן! פארטיג, און שוין! האב איך עס געזעהן.

*

# 'בני אל תלך בדרך אתם'

(השואל; ס'איז געקומען מיט אייך קיין אומאן עפעס א בחור'ל 'יודל', פון מאקעווע?) יא. ער איז אראפ (פון וועג רח"ל)! ער איז זייער א כלי געווען! (השואל; פארוואס איז ער אראפ?) ער איז אריינגעגאנגען אין א שטוב אריין דארטן, יענער איז געווען א גרויסער רב, א גרויסער גאון אין דער וועלט, און מיר פלעגן אין דער שטוב נישט וועלן אריינגיין! מען האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער גאון, נאר אבער ס'איז קאליקע'ר שטוב, און ער אליין איז אויך א קאליקע'ר, פון איהם אליין איז אויך געווען נישט קיין שיינע מעשיות!

ער איז אריין אין דער שטוב, און מען האט איהם דארטן זייער שיין אויפגענומען, ער איז געקומען דערנאך אין שוהל אריין, האט ער מיר געזאגט אז ער גייט דארטן,

האב איך איהם געזאגט; "יודל'ע, דו זאלסט נישט גיין דארטן, דארטן וועסטו קאליע ווערן"! "דו זאלסט נישט גיין דארטן"! זאגט ער; "ער איז א גרויסער גאון, ער רעדט מיט מיר אין לערנען"! - ער האט געקענט לערנען דער יודל - "ער רעדט מיט מיר אין לערנען, גאנץ ליקוטי מוהר"ן איז ער קלאר אויסעווייניג"! ער האט געהאט א קאפ! זאג איך איהם; "יודל'ע גיי נישט דארט"! "גיי נישט דארטן"! ער איז געגאנגען נאכאמאל, ער איז קאליע געווארן.

ער איז געווען א געוואלדיגער, א געוואלדיגער (כלי), אזעלכע לאנגע פיאות געהאט ביז אראפ, און ער איז אראפ! גאנצע מעשיות געווען - ער איז אראפ, ער איז אוועק פון אומאן, און שפעטער אינגאנצן פריי, דערנאך איז ער געקומען צו פארן קיין אומאן, אפגעהאקט די בארד און פיאות, האט ער זיך געוואלט מיט מיר זעהן, האט ער באפוילן אז איך זאל קומען צו איהם, בין איך געווען ביי איהם, דארטן אין שטוב אין א באזונדערע חדר, און מיט איהם אסאך גערעדט, און מיט איהם אסאך אויסגעקריגט, (כ'האב איהם געזאגט); "יודל'ע וואס הערט זיך?! זעהסט וואס ס'איז געווארן פון דיר"?! ער איז געווען א גאנצע פילאזאף, ער האט שוין געלערנט דארטן.

(השואל; א מתנגד איז ער געווארן?) ניין, ער איז געווארן א מתנגד אויפ'ן אויבערשטן! ער איז געווארן אינגאנצן אוועק, אינגאנצן אוועק!

ער איז געווען אין פוילן פון די גוטע בחורים, א בחור - א למדן א גרויסער, מיט א גוטער קאפ! - ער איז געווען א באריהמ'ער אויך, ער פלעגט זיך באריהמען זיך, ער איז אריינגעגאנגן צום רב רעדן מיט דעם רב אין לערנען - - -

ער איז געווען א וואויל'ער בחור (פריער), און ער האט אסאך געוויינט ביים רבי'ן אויפ'ן ציון! נאר וואס דען? ווייל ער האט נישט געפאלגט אונזערע לייט! מען האט איהם געהייסן נישט גיין אין דער שטוב! (השואל; נאר די זאך?!) אז ער האט דאס נישט געפאלגט - איז ער שוין אינגאנצן געפאַלן! מען האט איהם געהייסן נישט גיין אין דער שטוב! (השואל; פארוואס האט ער דוקא געוואלט גיין?) דארטן איז אזוי, דארט האט מען געגעבן גוט צו עסן, גוט צו טרונקען, און ער איז געווען א ארימער בחור, ער איז אריינגעקומען, און דער רב האט גערעדט מיט איהם אין לערנען ביז פארנאכט - און שוין, ער איז אריינגעגאנגען איינמאל און נאכאמאל, ביז ער איז

געווארן דארט א 'בן בית', נאכדעם איז ער אוועקגעפארן שטודירן שוין, און ער איז געקומען צו פארן פון דארטן א פארטיגער, א שטודירטער.

ער האט חתונה געהאט מיטן רב'ס א שוועגערין, און דער רב אליין איז געווען א גרויסע קאליקע'ר, ער איז געווען א גאון עולם, ער איז געווען א רב, מען האט איהם אין אומאן אויפגענומען פאר רב, אזא גאון עולם, אומאן איז געווען א שטאט פון לומדים גרויסע, מען האט געמיינט מען האט געכאפט א לקח'ל, און נאך עטליכע וואכן האט מען געזעהן אז מען האט זיך אויסגעגליטשט! נאכדעם איז געווארן "רבי שלום (מלמד ז"ל)" רב, און ער (- הרב הקודם) איז געבליבן אין אומאן, מען האט געזעהן אין איהם נישט קיין שיינע זאכן, ער איז געווען א געוואלדיגער גאון, זיין גאונות איז געווען געוואלדיג, ס'איז געווען חוץ מדרך הטבע זיין גאונות, ער האט געקענט ממש נאכזאגן א ירושלמי אויף אויסעווייניג, א געוואלדיגער גאון! ער האט גענומען דער ליקוטי מוהר"ן, איהם איבער געקוקט - שוין האט ער געקענט זאגן ליקוטי מוהר"ן אויסעווייניג, א געוואלדיגער קאפ!

אבער ווען איך בין געקומען, איז שוין געווען 'רבי שלום' דער רב, האב איך געהערט אלע מעשיות פון איהם! האבן מיר געוואוסט אז מען טאר נישט ארייגגיין צו איהם אין שטוב אריין! מען האט געוואוסט אז דאס איז א רב א גאון, אבער מען טאר נישט ארייגגיין אין שטוב אריין! און ער (יודל'ע הנ"ל) איז יא ארייגעגאנגען אין שטוב אריין איינמאל און נאכאמאל, שוין - איז ער געכאפט געווארן!

(אחד מהנוכחים: 'רבי אלי' חיים' האט מיר דערציילט אז ער איז געווען ביי 'הרב בענגים', האט ער איהם געפרעגט, פון וואנעט ביסטו, פון אומאן?! דו האסט געקענט יענעם רב?! "די ערד זאל איהם אויסקייען"!)

*

## 'שומעין חרפתן ואינן משיבין'

(כאן חסר קצת, ובתוך שיחה עם הנוכחים נראה שמדברים שם ממקורב שעובר עליו מניעות ממשפחתו, והיה אביו מרבה להטיח דברים נגדו מאוד) אבער ער לאכט זיך אוים דערפון?

(השואל: יא! דער איבערשטער זאל העלפן ער זאל זיך האלטן, ער איז א 'שווייגער') ער וועט זיך האלטן - ווייל ער איז א 'שווייגער'! דאס איז זיין מעלה! אז ער איז א 'שווייגער' - דאס וועט איהם האלטן!

*

(כאן חסר עוד, כנראה ששואל עפ"י דעת רבינו ז"ל בענין להינשא בגיל צעיר, באיזה גיל היה הכוונה), ס'איז דא א דעה 'פאר דרייצן', ס'איז דא דעה 'פאר אכצן', די שפעטסטע זמן איז שוין 'פאר צוואנציג' (עי' בשו"ע אבן העזר סי' א'). (השואל; אבער דער רבי האט געמיינט אפילו ביי די דרייצן?) די לעצטע צייטן האט זיך עפעס ארויסגעוויזן אז די וואס האבן חתונה פרי, האבן נאכדעם גרויסע ערגערנישן, מען קריגט זיך - - -

*

(על שאלת אחד הנוכחים בענין המנהג שמקובל בשם רביז"ל שביום א' בכל שבוע של ימי השובבי"ם לא יאכלו דבר הבא מן החי - אם זה דוקא ביום מסויים, כגון ביום חמישי?) ניין, ער זאל זיך אויסקלויבן א טאג וואס ער וויל!

(על השאלה בענין מה שהקפיד רביז"ל שלא לילך בבגדים קרועים ונקיים, אם זה גם בבגדים הפנימיים שאין נראה בחוץ?) אוודאי אויף ריין, נאך מערער![עב]

(השואל; דער רבי האט געזאגט צו שרה'קע, אז זי האט זיך געקריגט מיט די דינסט, האט איר דער רבי געזאגט צו איר, אז זי האט געדארפט בעטן "אונטער די חופה"?!) נישט 'אונטער די חופה', "דער טאג פון די חופה" האט דער רבי געזאגט![עג] (השואל; און אז מען מאכט חתונה נאכ'ן צאת הכבבים?) די טאג פון די חופה, שוין! - - -

*

## 'אז איר שווייגט - שווייגט די וועלט'

(השואל; איר האט אמאל פארציילט א מעשה - אז מען האט גערעדט א שמועס און מען האט נישט דערמאנט דעם רבי'נס נאמען?) יא יא, מען האט גערעדט פונעם רבי'ן, און מען האט נישט דערמאנט דעם רבי'נס נאמען! ער איז געווען א גדול, איך בין געפארן מיט איהם צוזאמען, ער איז געווען א גרויסע מתנגד אויף אונז, און ער איז געווען א גדול, ער איז געווען א למדן א גרויסער, א ירא שמים, איך בין געפארן מיט איהם א נסיעה!

---

[עב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט אות ג', חיי מוהר"ן אות ר"א ותכ"ב.

[עג] עי' שיש"ק ח"ג אות צ"ח.

איך פלעג זיך פירן אז אין א נסיעה האב איך געלערנט משניות, (והנ"ל התחיל ליכנס עמו בשיחה); "אה, משניות? גאנץ גוט! וואו וואוינט איר"? (האב איך געזאגט) "אין טעפליק"! "וואו דאווענט איר"? - "וואס הייסט וואו איך דאווען?! אין בית מדרש"! "וואספארא חסיד זענט איר"? - "אזוי קנאפ" (סתם)! "וואספארא ספרים לערנט איר"? - "ספרי בעל שם טוב"! "אזוי? גוט! פון וואנעט זענט איר"? - "פון פוילן"!

האב איך אנגעהויבן מיט איהם צו רעדן, האב איך איהם אריינגעהאקט פונעם רבי'ן (דיבורים מרביז"ל)! ער האט אזוי אנגעקוואָלן! ווען מען האט זיך געזעגנט דארטן, מען האט זיך צוטיילט דארטן ביי דאס פארן (אמר אותו גדול לרבי לוי יצחק) "קשה עלי פרידתכם"!...

ער איז געווען פון 'זווינינגראדקע' - לעבן שפאלע, ווען איך זאג איהם ווען 'ברסלב' - וואלט ער קיין איין ווארט נישט געוואלט הערן! ער איז געווען א געוואלדיגער מתנגד!

איז דעמאלטס מקויים געווארן דעם רבי'נס א דיבור - "מען רעדט פונעם רבי'ן, מען שמועסט פונעם רבי'ן, און מען דערמאנט נישט דעם נאמען"![עד]

(אחד מהנוכחים; אבער דער רבי האט געזאגט, "אז איר שווייגט, שווייגט דער וועלט"! עפעס אזא מין סארט ווארט, ניין? אזוי שרייבט רבי מתתי' אין א בריוו, ער שרייבט ער ווייסט נישט פארוואס ס'איז נישט דא קיין התנגדות אויף רבי אפרים'ל, אויף רבי שלמה וועקסלער - -) אה, יא - "איר האט נישט קיין שום התנגדות, נו אפשר - זאגט ער - שווייגט איר"?!!!

איך געדענק עפעס אזא מין בריוו פון רבי מתתי'. שרייבט ער דארטן "אפשר טוהט איר נישט אזוי אינעם רבי'נס זאך"?! (להפיץ דעתו בעולם), עפעס א בריוו האב איך געזעהן פון רבי מתתי'.[עה]

---

[עד] השיחה במלואו (מתוך שיחות של רלוי"צ במקו"א); "איך האב געוואלט איר זאלט רעדן פון מיר, שמועסן פון מיר, און נישט דערמאנען מיין נאמען, וואס ארט מיר אז יענער וועט בענטשן אן ערענסט בענטשן, און ס'זאל זיין פון מיין כח, און זאל נישט וויסן אז ס'איז פון מיין כח"!

[עה] עי' כעין זה בימי מוהרנ"ת אות פ"ו וז"ל; כִּי כַּאֲשֶׁר הִתְחִילוּ דִּבְרֵי לַעֲשׂוֹת רשֶׁם בְּלֵב כַּמָּה אֲנָשִׁים, וְנִתְעוֹרְרוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְרָאוּ שֶׁאֵשׁ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁלּוֹ לֹא נִכְבָּה חַס וְשָׁלוֹם, כִּי דְּבָרָיו הָיוּ חַיִּים וְקַיָּמִים לָעַד, הִתְחִילוּ הַחוֹלְקִים לְהִתְעוֹרֵר מֵחָדָשׁ מְעַט מְעַט, כִּי אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה וְכוּ' ... בִּתְחִלָּה נִדְמָה כְּאִלּוּ נִשְׁקַט הַמַּחֲלֹקֶת קְצָת, וְזֶה הָיָה כָּל זְמַן שֶׁלֹּא נִתְעוֹרֵר אֵשׁ הַקָּדוֹשׁ שֶׁלּוֹ, אַךְ תֵּכֶף שֶׁהִתְחִיל מֵחָדָשׁ רִשְׁפֵּי אֵשׁ

*

## 'חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת'

(השואל; איר האט געהערט אז רבי ישראל טירהאוויצ'ער - ער איז געווען דארטן בעל תפילה ביי די טירהאוויצ'ער, האט ער געזאגט 'רננו צדיקים' א שעה מיט א דריי פערטל?!) ווער זאגט? ער איז גארנישט געווען זייערע בעל תפילה, ער איז געווען א אומאן'ער גאר! ער איז געווען רבי חיים כהן'ס א זוהן, ער פלעגט קומען קיין טירהאוויצע שוין נאך רבי סענדר'ן, ער איז נישט געווען אינגאנצן פון די חברייא פון רבי סענדר'ן! (השואל; איז ווער האט געזאגט 'רננו צדיקים' אזוי לאנג?) 'רבי סענדר' האט געזאגט 'רננו צדיקים' - האט ער געזאגט אזוי! ער איז נישט געווען קיין 'חזן' - נאר ער האט געזאגט אזוי מיט א התלהבות! (השואל; מען האט גערעדט וויפיל צייט, א שעה מיט א פערטל?! ס'איז דאך א גוזמא'דיגע זאך!) איך האב געהערט א 'האלבע שעה'!

(השואל; ווי אזוי זענען זיי אנגעקומען צו שמונה עשרה בזמנו, די עובדים?) זיי פלעגן דאווענען - ביז 'ברוך שאמר' האבן זיי געדאווענט פאַרטאָג, זיי פלעגן איבערלאזן נאר 'פרשת קרבנות', זיי האבן געדאווענט פארטאג ביז ברוך שאמר, איידער מען מעג לייגן דעם טלית, און נאכדעם האבן זיי אנגעטוהן דעם טלית און אנגעהויבן ברוך שאמר!

(השואל; און ווען האבן זיי געזאגט קרבנות?) זיי האבן אנגעהויבן דאווענען אפילו נאך פאר 'עלות השחר', און דעמאלטס קען מען נאכנישט זאגן קיין קרבנות, האבן זיי צוגעווארט מיט קרבנות, די 'עקידה' קען מען, אבער פרשת 'קרבן תמיד' נישט, איז ביז ברוך שאמר האבן זיי געדאווענט, און בשעת מען מעג שוין - נאכן 'עלות' דארטן - ווען מען מעג זאגן קרבנות, האבן זיי געזאגט קרבנות!

זיי האבן זיך געשטעלט דאווענען אזוי פרי, אז מען קען נאכנישט זאגן קיין קרבנות, מען קען דאווענען ביז ברוך שאמר! כאטש איך קען נאכנישט זאגט קיין קרבנות - פאר קרבנות מוז איך צו ווארטן, אבער איך קען דאווענען 'הודו', 'למנצח', מיט די אלע קאפיטלעך - קען מען זאגן אפילו פארטאג אויך! דארטן איז

---

הַקְּדוֹשִׁים שֶׁלּוֹ לְהַבְעִיר בְּאֵיזֶה אֲנָשִׁים, תֵּכֶף לְעֻמַּת זֶה חָזַר וְנִתְעוֹרֵר הַמַּחֲלֹקֶת וְהַקָּטֵיגוֹרְיָא שֶׁלָּהֶם ... וְעָלַי בְּיוֹתֵר, עַל שֶׁאֲנִי עוֹסֵק בְּעֵסֶק זֶה, לְהַכְנִיס תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה בָּעוֹלָם, וּלְקָרֵב נְפָשׁוֹת לִדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים הָאֲמִתִּיִּים.

דא מער צייט צו דאווענען ווי דא! דארטן איז דא צייט צו דאווענען עטליכע און זיבעציג מינוט (משהאיר היום עד הנץ החמה), מסתמא האבן זיי אכטונג געגעבן (להתפלל בזמן)! און ווידער - נישט מיט'ן נץ האבן זיי געדאווענט, איך וויים נישט צו זיי האבן געדאווענט מיט'ן נץ! אבער פון לייגן טלית ביז'ן סוף זמן תפילה איז דא עטליכע שעה צו דאווענען!

(השואל; דאס איז געווען רבי ברוך געצ'ס חברה - די וואס האבן געדאווענט צוזאמען ווארט ביי ווארט צוזאמען?) ברוך מיט די חברה!

*

# 'השלך על ה' יהבך'

(אחד שואל ביאור על השיחה המובא באבני"ה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ג'; אִישׁ אֶחָד רָצָה לַעֲשׂוֹת לְעַצְמוֹ מְלַמְּדוּת, וְאָמַר לוֹ מוֹהֲרְנַ"ת "הַשְׁכֵּר אֶת עַצְמְךָ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהִתְפַּלֵּל בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה, וּבְפֵרוּשׁ בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה, כִּי זֹאת אַתָּה מַרְגִּישׁ הֵיטֵב, וּמִסְתָּמָא תִּתְבַּיֵּשׁ וְתִתְפַּלֵּל גַּם עַל רוּחָנִיּוֹת"), דער רבי האט נישט געהאלטן פון זיין א מלמד![ע] "דו ווערסט זיך פארדינגען צום אויבערשטן - בעטן דעם אויבערשטן כסדר"! אויף אידיש גייט; "דו ווערסט בעטן אויף פרנסה, העסטו זיך שעמען - 'נאר פרנסה'?! - העסטו שוין בעטן דעם אויבערשטן אויף אידישקייט אויך"!

אז 'מלומדות' - האט ער דאך נישט קיין צייט! אז מען פארדינגט זיך פאר א מלמד - א מלמד האט אמאל געלערנט פון אינדערפרי ביז אין די נאכט אריין!

(ר' שמואל צצ'יק ז"ל; דאס איז געווען דער עיקר, רבי נתן האט נישט געוואלט ער זאל זיין א מלמד!)

ער דארף דאך האבן פרנסה, זאל ער בעטן דעם אויבערשטן! (על פרנסה), און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן!

*

(ר' שמואל צצ'יק; איך האב חיות א גאנץ יאר נאר אז איך דערמאן זיך אז איך בין געפארן מיט'ן טעקסי ערב ראש השנה אין אומאן - רצ"ל בהנסיעה של קשינוב ער"ה תשל"ד) אבער דו

[ע] עי' שיחות הר"ן אות ר"מ - רמ"א, חיי מוהר"ן אות תס"ה ותקצ"א.

בעהטסט אלע טאג דעם אויבערשטן אויף דעם?! (ר' שמואל: איך ווייס?! איך האב דאך אינזין געלט! איז בעהט איך אייך - שאתם תתפללו עלי...)

(א' מהנוכחים: מ'וויל ס'זאל זיין א 'קאנסול', ס'וועט זיין דא א רוסישע קאנסול - אז מ'וועט אפגעבן די שטחים! ור' שמואל עונה: זאל מען אפגעבן די גאנצע מדינה!...) וואס פעהלט אים א רוסישע קאנסול? (הנ"ל עונה: אזוי וועט מען קענען פארן אויף אומאן, אפילו מיט אן ארץ-ישראל'דיגע פאס, מ'וועט נישט דארפן פארן קיין אמעריקע!).

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **משה כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב**

מוה"ר **יואל אלי' וועבער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **נחמן מאיער** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **בנציון צייטלין** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אפרים אליעזר שטרול** הי"ו
דזשערסי סיטי יצ"ו
לרגל שמחת הולדת נכדו אצל בנו מוה"ר **אברהם מאיר** הי"ו
**למזל טוב**

מוה"ר **נתן הרכבי** הי"ו
לעיקוואוד יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו הבחור כמר **נחמן צבי** הי"ו לעול התורה והמצוות
**למזל טוב**

לזכר נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט
תנצב"ה